STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05556

DI GAYSTER

Henrik Ibsen

Permanent preservation of this book was made possible
by Israel & Nili Urieli
in memory of
their parents, Arieh & Miriam Rabani & Uriel & Hettie Abramov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערזאָנען:

פרוי העלענא אַלווינג, דיא אלמנה פון קאממערהערר קאַפּיטאַן אַלווינג.

אָסוואַלד אַלווינג, איהר זוהן, אַ מאַהלער.

פּאַסטאָר מאַנדערס.

יאַקאָב ענגסטראַד, א סטאָליער.

רעגינא ענגסטראַנד, פרוי אַלווינג'ס קאממער-מיידעל.

דיא האַנדלונג קומט פאָר אין פרוי אַלווינג'ס הויז אויפ'ן לאַנד ניט ווייט פון ברעג ים אין מערב נאָרוועגיען.

Copyright, 1907
By A. M. Evalenko, Publisher

די גייסטער

פאמיליען-דראמא אין 3 אקטען

פון הענריק איבסען

איבערזעצט פון

י. ענטין

ליטעראַרישער פערלאַג

Yiddish Literary Publishing Co.

256 E. Broadway, New York.

1914

ערשטער אקט.

(אַ גראַמער גאַסט־צימער, וועלכער פיהרט אין סאָד. איין טיהר לינקס, צוויי טהירען רעכטס. אין מיטען חדר אַ קיילעכדיגער טיש מיט שטוה־לען אַרום. אויפ'ן טיש ביכער, זשורנאַלען און צייטונגען. אין פאָ־דערגרונד לינקס אַ פענסטער, לעבען איהר אַ סאָפקע. פאַר'ן סאָפקע אַ'ן אַרבייטס־טישעל. אין הינטערגרונד ווערט דער חדר פאַרשטעלט און אַזוי וויא אומגעוואַנדעלט אין אַ'ן אַראַנזשערעע מיט גלעזערנע ווענט מיט גרויסע שויבען. אין דער רעכטער וואַנט פון אַראַנזשערעע אַ טהיר אין סאָד. דורך דיא גלעזערנע ווענט זעהט זיך קוים אַרויס אַ טרויעריגע ברעג־ים־לאַנדשאַפט אין א רעגענדיגען טאָג.)

(ווען די סצענע עפענט זיך, דערזעהט מען **ענגסטראנד** דעם סטאָליער וויא ער שטעהט ביים טיהר וואָס צום סאָד. זיין לינקע פוס איז אַ ביסעל אַ קרומע. דער זויל פון זיין שוך איז אונטערגעשלאָגען מיט אַ קלעצעל. אַז ער געהט, הינקט ער. **רעגינא** שטעהט לעבען איהם מיט אַ לעערען קאַן, מיט וועלכען מען בעגיסט בלומען, און לאָזט איהם ניט געהן ווייטער אין שטוב.)

רעגינא. (מיט אַ'ן איינגעהאַלטענעם קול) וואָס דאַרפסטו דאָ? ניט אַ טריט ווייטער. פון דיר פליוכעט דאָך אַ טייך.

ענגסטראנד. דאָס איז גאָט ברוך הוא'ס רעגען, טאָכטער.

רעגינא. עט! גאָט'ס? דאָס איז דעם טייוועל'ס רע־גען, אָט וואָס!

ענגסטראנד. שונאי ציון! וואָס איז דאָס פאַר ווער־טער, רעגינאַ! (טהוט עטליכע טריט ווייטער אין חדר) פאַרשטייסטו מיך, איך האָב דיר געוואָלט זאָגען ——

ר ע ג י נ א. וועסט שוין א מאָל אויפהערען צו קלאַפּען מיט דיין פּיסעל דער שיינדעל? דער יונגער בעל הבית שלאָפט אויבען.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. ער שלאָפט גאָר? ס'איז דאָך שוין האלבער טאָג ד'רויסען!

ר ע ג י נ א. דאָס איז טאַקע נאָר דיין עסק, כלעבען.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. נו, האָב איך דאָס א ביסעל א הוליע גע־טהאָן נעכטען ביי נאַכט, ווי דו זעהסט מיך א לעבעדיגען.

ר ע ג י נ א. איך גלויב דיר אָהן א שבועה.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. יא, מיין טאָכטער, מיר זיינען אלע שוואַכע בעשעפּעניסען. מישטיינס געזאָגט, וואָס איז גאָר דער מענש, מיין טאָכטער —

ר ע ג י נ א. טאַקע וואָס, מישטיינס געזאָגט?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. און דער יצר הרע, פאַרשטעהסטו מיך, איז גרויס וואו מען טהוט זיך נאָר א קעהר. און צוריק שמועסענ־דיג, מה רעש? דאָס האָט מיר חלילה צו קיין זאַך ניט געשאַדט. היינט פריה, שוין האלב זעקס דעם זייגער, בין איך מיר געשטאַנען און געהאָרעוועט אזוי געזונט! זאָל מיר דער צונג אָבדאַרען, אויב איך זאָג ליגען.

ר ע ג י נ א. ס'איז טאַקע זעהר שיין, אז מען דאַרף גאָר ניט בעסער, נור איצטער זיי זשע מוחל און טראָג זיך אָפּ, אָדער צי מיינסטו, אז איך וועל דאָ שטעהן שטונדען לאַנג און האלטען מיט דיר א ראַנדעוואו?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. וואָס? וואָס וועסטו מיט מיר האלטען?

ר ע ג י נ א. איך וויל ניט, אויף פראָסט מאַמע לשון, אז עמיצער זאָל אָנגעהן און דיך דאָ דערזעהן. טאָ זיי מוחל און נעהם דעם דרך.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. (שפּרינגט צו נאָך א פּאָר טריט) זאָל איך גע'הרג'עט ווערן אויפ'ן אָרט, אויב איך געה פון דאַנען אוועק איי־דער איך האָב מיט דיר א שמועס. הער מיט קאָפּ. היינט נאָכ־מיטאָג פּטר איך מיך אָפּ מיט דער אַרבייט דאָרטען אין שקאָלע און ביינאַכט פאָהר איך מיר אַרוים מיט'ן שיף אין שטאָדט.

ר ע ג י נ א. (בייז) נו, טאָ האָב זשע מיר א גליקליכען שליטס־וועג.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. א יישר דיר, מיין קינד. איז הערסט דאָך. מאָרגען וועלען זיי דאָ פּראַוועז דעם חנוכת הבית פון דעם יתומים־הויז. מסתמא מיט פּאַראַד, מיט צערעמאָניעס. און קיין בראַנפען מיט קיין ווייז וועט דאָך מסתמא אויך ניט פעהלען. אָבער ניין, איך וויל ניט, אז מען זאָל זאָגען, אז יאַקאָב ענגסטראַנד קען ניט אַנטלויפען פון קיין נסיון.

ר ע ג י נ א. אוך!

ע נ ג ס ט ר א נ ד. פערשטעהסטו מיך, מאָרגען וועלען דאָ זיין א סך פיינע בריות. פּאַסטאָר מאַנדערס וועט אויך זיין בתוך הבאים.

ר ע ג י נ א. ער קומט נאָך היינט.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. זעהסטע! איז איידער ער זאָל אויף מיר געפינען עפּעס א זאך ניט וויא געהעריג איז, נעהמט מיך בעסער דער רוח. דו פאַרשטעהסט?

ר ע ג י נ א. אָהאָ, איז אָט וואָס דו ביסט אויסען?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. וואָס מיינסטו, בין איך אויסען?

ר ע ג י נ א. (קוקט איהם שטרענג אָן) הער נאָר דו, וואָס פאַר גנבה׳שע שטיק ווילסטו עס שוין פיהרען מיט פּאַסטאָר מאַנדערס?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. ש־־ש־שאַ! ביזט משוגע צי חסר דעה? איך וויל פיהרען גנבה׳שע שטיק מיט פּאַסטאָר מאַנדערס? דאָס ניט. וואָסי, אפשר קנאַפּ טובות האָב איך געהאַט פון איהם? טאָמער איז ער צו מיר געוועזן אזוי גוט. איך האָב דיר גלאַט אַזוי געוואָלט זאָגען, הייסט דאָס, אז איך האָב בדעה אָבצופאָהרען אהיים טאָקע דיא נאַכט.

ר ע ג י נ א. פון מיינטוועגען מעגסטו דאָ ניט ווערן כאָטש דיא מינוט.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. חכמה מיינע, איך וויל דאָך אָבער דיך אויך נעהמען מיט זיך.

רעגינא. (עפענט אויף דעם מויל און שטעלט אַן דיא אויגען פערוואונדערט) דו ווילסט מיך — ? וואָס פּלאַפּעלסטו דאָ היינט, וואָלט איך וועלען וויסען ? !

ענגסטראנד. גאָר פּשוט, איך וויל דיך נעהמען אהיים.

רעגינא. (מיט פעראַכטונג) קיינמאָל אין לעבען וועסטו מיך ניט פערנאַרען איך זאָל פאָהרען צו דיר אהיים.

ענגסטראנד. אַט דאָס וועלען מיר זעהן.

רעגינא. אַט דאָס וועלען מיר טאַקע זעהן. איך זאָל פאָהרען צו דיר אהיים ? און דאָס וואָס איך האָב זיך אויפגעהאָדעוועט ביי אזא מאַדאַם וויא פרוי אַלווינג אין שטוב, איז ביי דיר א גאָר נישט ? און דאָס וואָס איך בין דאָ פערדרעכענט באַלד וויא אַן אייגען קינד, דאָס איז ביי דיר א הונט ? איז נאָך דעם אַלעמען זאָל איך נעהמען פאָהרען מיט דיר אהיים ? — אין אזא שטוב וויא דיינע ? פּע, מעגסט זיך שעהמען אין דיין ווייטען האַלז אריין !

ענגסטראנד. א רוח זאָל אין דיר אריין. וואָס איז דאָס פאר א מין לשון ? הערסטו, מיידעל, ווילסט זיך אפשר שטעלען אקעגען דיין אייגענעם טאַטען ?

רעגינא. (רעדט אַרויס בייז, ניט קוקענדיג אויף איהם) האָסט דאָך אַליין אכציג מאָל געזאָגט, אַז איך בין דיר קיין קינד ניט ?

ענגסטראנד. עטש ! נו, איז דאָס דיין דאגה ?

רעגינא. האָסטו דען אַליין ניט געשריען אויף מיר א סך מאָל, אַז איך בין א ממזרת און אז די מאַמע — ? fi donc! (אזא חרפּה !)

ענגסטראנד. דיא כאָלעריע זאָל מיך כאַפּען דאָ אויפ'ן אָרט, אויב איך האָב ווען געזאָגט אזא מיאוס וואָרט !

רעגינא. דו דערציילט מיר נאָר קיין מעשות ניט. איך ווייס שוין גאָר גוט וואָס פאר א וואָרט דו האָסט געזאָגט אויף דער מאַמען.

ענגסטראנד. איז מסתמא האָב איך דאַן געהאַט מעהר אין קאָפּ איידער אין פלעשעל. המ ! וואָס איז דאָ דער חידוש ?

דער יצר הרע, רעגינא, איז זעהר גרויס אויף יעדען טריט, וואס מען מאכט.

רעגינא. עהה!

ענגסטראנד. און ווידער, צוריק שמועסענדיג, אז דיא מאמע דיינע פלעגט אנהייבען מאכען שטיק און איבערנעהמען זיך מיט איהר שיינעם יחוס, האב איך דאך איהר געמוזט דערלאנגען מיט עפּים א טראך, אז זי זאל אזוי ניט פעררייסען דעם נאז. דען זי פלעגט זיך דאך גאר האלטען פאר א גאנצע שטרויענע פאניע, דיא מאמקע דיינע. (קרימט נאך א פרוי) לאז געמאך, ענגסטראנד, לאז גע־מאך! דו ניט פערגעס נאר, אז גאנצע דריי יאהר בין איך אבגע־ווען אין ראזענוואלד ביי קאממערהערר אלווינג אין הויז. (לאכט) נו, גאטעניו! איהר גאנץ לעבען לאנג האט זיא זיך ניט געקענט פארגעסען, אז קאפּיטאן אלווינג איז דאס געווארען א קאממער־הערר פאר דער צייט וואס זיא האט ביי איהם געדיענט.

רעגינא. דיא מאמע נעבאך, דו האסט זיא גיעך ארייננגע־לייגט אין דר׳ערד. נישט־קשה.

ענגסטראנד. (גיט זיך א דרעה אויפ׳ן קאריק) מסתמא, ווי דען? אלץ איך, נאר איך בין שולדיג.

רעגינא. (קעהרט זיך אב, האלב אין דער שטיל) עהה! טאמער וואלט איהם נאך עפּעס געפעהלט צום רומעל, האט ער נאך א צוגאב די שיינע פיסעל.

ענגסטראנד. וואס גאווענדעסטו דארטען, אה, מיידעל?

רעגינא. Pied de mouton (שעפּסענע פיסנאגע.)

ענגסטראנד. וואס רעדסטו דאס? ענגליש, הא?

רעגינא. אודאי ענגליש.

ענגסטראנד. אזוי, אזוי, נו, גאנץ שעהן. האסט זיך דא, הייסט דאס, א ביסעל געבילדעוועט, הא? זעהר וואויל, רעגינא, דאס וועט איצט גאנץ גוט צוניץ קומען.

רעגינא. (נאך א קורצע פויזע) איך וואלט וועלען וויסען אויף וואסערע קלאגען בעדארפסטו מיך אין שטאדט?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. געהערט א ביסעל א פראגע אויף וואס א טאטע וויל ביי זיך האבען זיין איינציגע קינד? וואס הייסט אויף וואס? בין איך דען ניט אן אומגליקליכער אלמן, איינער אליין וויא א שטיין?

ר ע ג י נ א. אה, הער שוין א מאל אויף צו מאכען דיינע מיאוסע אנשטעלען! איך פרעג דיך, אויף וואס דארפסטו מיך?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. אויב אזוי, טא וויס־זשע. איך האב מיך מיישב געווען, אז איך זאל מיך אצינד נעהמען פאר א נייעם מין געשעפטיל.

ר ע ג י נ א. (מיט פעראכטונג) א שטייגער דער וויפיעלטער מאל איז דאס שוין, אז דו נעהמסט זיך פאר נייע געשעפטען? און יעדעם מאל האט זיך דערפון אויסגעלאזען א בוידים.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. וואס אמת איז אמת. אבער דערפאר וועסטו זעהן איצטער, רעגינא! דער רוח זאל מיך כאפען —

ר ע ג י נ א. (אונגעדולדיג א טופ טאהנדיג מיט'ן פוס) וועסט שוין א מאל אויפהערען זיך צו שילטען?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. שא, שא, ביזט גערעכט, טאכטער. דאס איז טאקע א מיאוס'ע מידה. איז וואס האב איך דיר געוואלט זאגען? יע. פערשטעהסטו מיך, פון דעם פאדריאד דא אין יתומים־הויז האט זיך מיר אבגעשטעלט א גאר נישט־קשה'דיגע אפותיקא.

ר ע ג י נ א. אזוי גאר? דאס, הערסטו איז גאר קיין נא־רישקייט ניט, כ'לעבען. וויא קומט עס עפעס, דו זאלסט שפארען?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. דא אין דארף, אז מען וויל שוין יא פטר'ן א ביסעל קליינגעלד, איז דאך אויך ניטא אויף וואס.

ר ע ג י נ א. הכלל, איז וואס ווייטער?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. פארשטעהסט, קלעהר איך מיר, אז מען בעדארף דיא געלד ארייגלייגען אין עפעס א ראיעלער ספעקולאציע. איז ביי מיר געבליבען מאכען א קרעטשמע פאר מאטראזען —

ר ע ג י נ א. פע, וויא עקעלהאפט.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. דו קעהרסט דאך אודאי מיינען א חזירים־שטאל פאר פראסטע מאטראזען, הא? זאג איך דיר, ניט

דערהאַרען! איך מיין, פאַרשטייסטו מיך, אויפ'ן גאַנץ געהויבענעם אופן. איך וויל מאַכען אַן, איינפאַהר־הויז פאַר קאַפּיטאַנען, מיט אָפּפיציערען, מיט — מיט — דיא איבעריגע פּריצים. איצט פער־שטעהסטו שוין?

ר ע ג י נ אַ. און מיך, הייסט דאָס, דאַרפסטו —?

ע נ ג ס ט ר אַ נ ד. פאַרשטעהט זיך, דו וועסט מיר העלפען פיהרען דעם געשעפט. ס'הייסט, נאָר לפנים וועגען. דער רוח זאָל מיך נעהמען, אויב דו, מיין טאָכטער, וועסט דאַרפען עפּעס שווער האָרעווען! דו וועסט זיך טהאָן אַלץ וואָס דיין הארץ וועט נאָר גלוסטען, איך וועל דיר קיין איין האָאר ניט איינווייזען.

ר ע ג י נ אַ. אַה, אַזוי גאָר!

ע נ ג ס ט ר אַ נ ד. נאָר גאָר נישט, עפּעס א קליידעל מוז דאָך זיין, דאָס'ט דאָך דיר זאָגען אפילו דער גרעסטער נאַר. פאַר־שטעהסטו, איך וויל, אַז אין דיא אַבענדען זאָל זיין א ביסעל לעבע־דיגלאַך ביי מיר אין קרעטשמע, מיט געזאַנג און מיט טענץ, דאָס און יענעס. און פאַרקעהרט, וויעדער, זיי איז נעבאַך ניטאָ וואָס צו פאַרדענקען, דיא מאַטראָזען, זיי זיינען דאָך נעבאַך מיעדע וואַנ־דערער איבער'ן ים פון לעבען. (טרעט צו נעהנטער) וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן ווי א גולם? צייט שוין דיר אויך א מאָל אַרומקוקען זיך און פאַרשטיין וואו דו ביסט ערגעץ אין דער וועלט. א שטיי־גער, וואָס פאַר א תכלית וועט פון דיר ווערען דאָ אָ? נו, און אַז דיא בעל הבית'טע האָט דיך שוין געלערנט, געדרעקסעלט, איז וואָס קומט דיר דערפון אַרויס? אָט האָב איך גאָר געהערט זאָגען, אַז זיא וויל דיך מאַכען פאַר א משגיח'טע איבער'ן יתומים־הויז. נו, זאָג אַליין, איז דאָס א'ן ארבייט פאַר דיר? אָט וועסטו מיך טאַקע באַלד איינריידען, אַז דו חלש'ט גאָר אַוועקפּטר'ן דיינע יונגע יאָה־רען צוליעב דיא פאַסקודנע ממזרים?

ר ע ג י נ אַ. ניין, דאָס נים. נאָר אויב, הערסטו, עס וועט זיך אויסלאָזען אַזוי וויא איך וויל, דאַן — — און דאָס קען גע־מאָהלט זיין! עס קען געמאָהלט זיין!

ע נ ג ס ט ר אַ נ ד. וואָס אַזוינס קען געמאָהלט זיין?

ר ע ג י נ א. זאָל דיר נאָר דיין קאָפּ ניט קרענקען. אָבער זאָג נאָר, וויפיעל געלד האָסטו דאָ אָבגעלייגט?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. אַ ביסעל פון דאַנען און אַ ביסעל פון דאָרטען, אַ זיעבען־אַכט הונדערט קרוינדלאַך (*) וויא געפונען!

ר ע ג י נ א. דאָס איז גאָר ניט שלעכט.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. אויף אַ התחלה איז דאָס גאַנץ גענוג, מיין טאָכטער.

ר ע ג י נ א. נו, און מיר טראַכסטו גאָר ניט צו געבען עפּעס פון'ם געלד?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. דער רוח זאָל מיך נעהמען אויב איך הייב גאָר אפילו אָן אַ טראַכט צו טהאָן מכח דעם.

ר ע ג י נ א. און דו דענקסט אפילו ניט שיקען מיר אַ שטיקעל צייג אויף אַ קלייד?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. קום מיט מיר אין שטאָדט, וועט דיר ניט פעהלען קיין קליידער.

ר ע ג י נ א. אַזוי גאָר! חכם איינער, ווען איך זאָל נאָר ווילען איינגעהן אויף דעם תנאי, דאַן קען איך שוין בעשטעהן מיין שטעדטעל אָהן דיר.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. אָבער איינע אַליין? סטייטש, וואָס רעדסטו? דו דאַרפסט האָבען, אַז אַ טאַטע זאָל אויף דיר השגחה געבען, רעגינא. אָט האָב איך שוין אָן אויסקוק אויף אַ גרויסאַר־טיג שעהנע הייזעל אויף דער קליינער גאַס ביים האַפּפען. קיין פּולע מזומן דאַרף מען אויף דער ערשטער צייט ניט האָבען. פאַר לייטען וועט דאָס הייסען, אַז איך האַלט אויף אַ הכנסת אורחים פאַר מאַטראָזען, דו פערשטעהסט דאָך וואָס איך מיין?

ר ע ג י נ א. אבער איך וויל גאָר ניט זיין ביי דיר! איך וויל מיט דיר ניט האָבען קיין מגע ומשא. נו, טראָג זיך שוין פון דאַנען!

(*) אַ נאָרוועגישע קראָנע איז אונגעפעהר אַ רוסישער האַלבער רובעל.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. עה, נארעלע, קיין לאנגע צייט וועסטו ביי מיר סאי וויא סאי ניט בלייבען. ניין, אויף אזא גליק איז זיך שווער צו ריכטען. ווען דו זאָלסט נאָר פארשטיין אן אינטערעס— אזא שיין מיידעל וויא דו — זייט א יאָהר צו צוויי ביסט דאָך גע־וואָרען גאָר אַ׳ן אמת׳ע ליאַלקע —

ר ע ג י נ א. מילא, איז וואָס?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. ווען דו זאָלסט נאָר האָבען שכל, וועט זיך דיר גאָר גיעך ארויפטשעפען אויף דער וועגדע עפעס אן אָפפיציער — און אפשר טאַקע גאָר א קאַפּיטאַן—

ר ע ג י נ א. איך וועל קיינמאָל ניט חתונה האָבען פאר אזעלכע מענשען. מאַטראָזען האָבען ניט קיין savoir vivre (גרויס־שטאָדטיגע מאַניערען, פיינקייט.)

ע נ ג ס ט ר א נ ד. וואָס זאָגסטו האָבען זיי ניט?

ר ע ג י נ א. איך וויים שוין וואָס פאר א פאָלק דיא מאַטראָ־זען זיינען. א מאַטראָז טויג ניט פאר קיין מאַן.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. איז ווער הייסט דאָס דיר פאר זיי חתונה האָבען? עס לוינט זיך אָהן חתונה אסור ערגער וויא מיט חתונה. (מעשה סוד) ער אָ — דער ענגלענדער — דער, וואָס איז אהערצו געקומען צו פאָהרען אין א יאַכט — ער האָט דאָך אוועקגעלייגט דריי הונדערט טאַלער וויא א גראשען. און מיינסטו כאָטש אז ז י א איז געוועז אויף איין האָאר שעהנער פאר דיר? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן.

ר ע ג י נ א. (טהוט זיך צו איהם אַ לאָז) אָט שוין ארויס פון דאַנען!

ע נ ג ס ט ר א נ ד. (אָברוקענדיג זיך אַהינטער) אדרבא, אדרבא! לאָמיך טאַקע זעהן ווי דו׳סט שלאָגען א טאַטען!

ר ע ג י נ א. וואָס דען מיינסטו? דו רייד נאָר קאָרשט נאָך איין וואָרט אויף דער מאַמען, וועסטו זעהן ס׳ארא פרעסק איך וועל דיר געבען! אָבער דו הערסט וואָס איך רייד צו דיר? וואַרף זיך שוין ארויס פון דאַנען. (טרייבט איהם צוריק צום טהיר פון סאָד)

און מיט'ן טהיר ניט בריאזגע, דו הערסט? דער יונגער הערר אלווינג —

ע נ ג ס ט ר א נ ד. איך וויים, ער שלאפט. אבער עפעס א טשיקאוועס וויא דו טרייסעלסט זיך אזוי איבער דעם יונגען הערר אלווינג. (מיט א ניעדריגערען קול) אהא! צי האסטו ניט א מאל —?

ר ע ג י נ א. ארוים פון דאנען, דיא רגע! ער איז היינט עפעס גאר משוגע און גענוג! ניין, געה ניט אין דער טיהר, דארטען געהט אן פאסטאר מאנדערס. ווער נעלם מיט די טרעפ פון קיעך.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. (נעהמענדיג זיך רעכטס) אט איך געה שוין, איך געה. אדרבא, דו גיב טאקע א פרעג ביי איהם, ביים גלח. נישט־קשה, ער וועט דיר שוין זאגען וויא א קינד בעדארף פאלגען א טאטען. ווארים צי אזוי צי אזוי, א טאטע בין איך דאך דיר סאי ווי סאי. איך קען דאס דערווייזען מיט'ן קלויסטערשען פנקס. (אב דורך דער צווייטער טיהר רעכטס, וועלכע רעגינא האט פאר איהם אויפגעעפענט און וועלכע זיא האט איצט ווידער פערמאכט. זיא קוקט זיך אויף שנעלל ארום אין שפיעגעל, שטויבט זיך אב מיט איהר פאטשיילכען און פערריכט דעם קראגען. דערנאך פערנעהמט זיא זיך מיט די בלומען. פ א ס ט א ר מ א נ ד ע ר ס קומט אריין אין ארראנזשערעע דורכ'ן סאד־טיהר. ער טראגט א מאנטעל מיט א רעגען־שירם און מיט א קליינעם רייזען־טעשעל פערוואדפען מיט א רימען איבער'ן אקסעל.)

מ א נ ד ע ר ס. א גוטער מארגען, פריילין ענגסטראנד.

ר ע ג י נ א. (דרעהט זיך אום דערפרעהט, נאר כלומשרט איבער־ראשט) וועמען איך זעה! דאס זייט איהר דאס טאקע? א גוטער מארגען, פאסטאר מאנדערס! צי די שיף איז שוין אנגעקומען?

מ א נ ד ע ר ס. נור וואס אנגעקומען. (קומט אריין אין גאסט־צימער) עס, א ביסעל א מיאוסער וועטער דיא טעג.

ר ע ג י נ א. (געהט איהם נאך פון הינטען) און מיר דאכט,

הערר פאסטאָר, אז וועדליג וויא פאר'ן דאָרף איז דאָס זעהר א שעהנער וועטער, גאָט זיי דאַנק.

מ א נ ד ע ר ס. יע, מיין טאָכטער, ביזט גאַנץ גערעכט. מיר שטאָדטיגע ווייסען דאָס גאָר ניט וויא צו שעצען. (ער הויבט זיך אָן פאַרנאַנדערטאָהן.)

ר ע ג י נ א. ערלויבט מיר איך צו העלפען! — — אָט אזוי. אה, וויא איהר'ט זיך א ביסעל פארנעצט! איך וועל אייער מאַנטעל אויפהייגגען אין קאָררידאָר, וועט ער זיך א ביסעל אויס־טריקענען. גיט מיר שוין אויך אייער שירם. (זי געהט אַרויס מיט דיא זאַכען דורך דער צווייטער טיהר רעכטס. מאַנדערס נעהמט דערווייל אַראָפּ זיין רייזען־טאַש און לייגט עס צוזאַמען מיט זיין קאַפּעליוש אַוועק אויף אַ שטוהל. רעגינאַ קומט צוריק אַריין פון דער צווייטער טיהר רעכטס.)

מ א נ ד ע ר ס. אַך, וויא וואָיל עס איז אין אזא וועטער, אז מען קומט אָן אויף אַן אָרט, אין דער ווארים, אין דער טרוקען. נו, און וואָס מאַכט מען עפּעס ביי אייך אין הויף?

ר ע ג י נ א. א דאנק פאר'ן נאָכפרעגען. ביי אונז איז אַלץ כשורה.

מ א נ ד ע ר ס. איהר זייט איצט מסתמא שטאַרק פארהאַ־וועט צוליעב דעם מאָרגעדיגען חנוכת הבית?

ר ע ג י נ א. ניט צו פאַרזינדיגען. עס איז דאָ גענוג וואָס צו טהאָן.

מ א נ ד ע ר ס. און פרוי אַלווינג איז דאָך מן הסתם אין דער היים?

ר ע ג י נ א. דערהיים, וויא דען. זיא איז איצט אויבען. זיא האָט ארויפגעטראָגען שאָקאָלאַד דעם יונגען בעל הבית.

מ א נ ד ע ר ס. יע, איך האָב גאָר פערגעסען— מען האָט שוין מיר אָנגעזאָגט אויפ'ן האַפען אז אָסוואַלד איז געקומען צו פאָהרען.

רעגינא. ער איז שוין דאָ זייט אייער־נעכטען. און מיר האָבען זיך אויף איהם גערעכט ערשט היינט.

מ א נ ד ע ר ס. איך האָף, ער איז פריש און געזונד?

ר ע ג י נ אַ. אַ דאַנק פאַר נאָכפרעגען. יא, ער איז גאָט צו דאַנקען געזונד. מעהר ניט ער איז שטארק פערמאַטערט פון דער רייזע. ער איז געפאָהרען גלייך פון פאַריז אהער, זיך אין ערגעץ ניט אָבגעשטעלט. ער האָט אפילו, דאכט זיך, קיין באָהן ניט געביטען. ער האָט זיך דאָס איצט געמוזט אַ ביסעל צולעגען. אפשר וואָלטען מיר טאַקע בעדארפט רעדען אַ ביסעל שטילער.

מ א נ ד ע ר ס. אדרבא, לאָמיר ריידען שטילער.

ר ע ג י נ אַ. (שטעלט אוועק אַ קרעסלע לעבען טיש און ברענגט זיא אין אָרדנונג.) שוין צייט איהר זאָלט זיך אַ ביסעל צוזעצען, הערר פאַסטאָר, זייט וויא ביי זיך אין דער היים. (מאַנדערס זעצט זיך, רעגינאַ שטעלט איהם אונטער א בענקעלע אונטער דיא פיס.) אָט אַזוי! פיהלט איהר אייך איצט בעקוועם, הערר פאַסטאָר?

מ א נ ד ע ר ס. אַ דאַנק, אַ דאַנק. איך פיהל מיך איצט וויא מען דארף גאָר ניט בעסער. (קוקט אויף רעגינאַ'ן.) ווייסט איהר, פריילייז ענגסטראַנד, וואָס איך וועל אייך זאָגען? איך בין באַלד זיכער, אז איהר זייט אַ היבשע ביסעל צוגעוואַקסען זינט מיר האָבען זיך ניט געזעהן.

ר ע ג י נ א. איהר מיינט אַז יא, הערר פאַסטאָר? פרוי אַלווינג זאָגט, אז איך בין פולער געוואָרען אין גוף אויך.

מ א נ ד ע ר ס. פולער געוואָרען? עס קען זעהר זיין. ס'הייסט ניט צופיעל, אבער גאַנץ לייטיש. (אַ קורצע פויזע.)

ר ע ג י נ א. זאָל איך געהן זאָגען פרוי אַלווינג אז איהר זייט דאָ?

מ א נ ד ע ר ס. אַ שיינעם דאַנק, ס'איז ניטאָ וואָס צו איילען זיך, מיין טייער קינד. יא, גוט וואָס איך האָב מיך דערמאָנט. זאָגט מיר נאָר, מיין טאָכטער, און וואָס מאַכט דאָ עפּעס אייער פאַטער?

ר ע ג י נ א. אַ דאַנק פאַר'ן נאָכפרעגען, הערר פאַסטאָר, ניט צו פערזינדיגען.

מ א נ ד ע ר ס. איך האָב איהם אפילו ניט לאַנג געזעהן.

אז ער איז געווען אין שטאדט, איז ער צו מיר פערגאנגען.

ר ע ג י נ א. טאקע? אה, ער איז אימערצו אזוי גערן ווען ער קען זיך מיט אייך א ביסעל דורכרעדען.

מ א נ ד ע ר ס. און איהר קומט דאך מסתמא צו איהם אפטמאל אריין ווען ער שטעהט ביי דער ארבייט?

ר ע ג י נ א. איך? אודאי, וויא דען, אז איך האב נאר צייט—

מ א נ ד ע ר ס. אייער פאטער, רעגינא, איז א מענש מיט גאר קיין שטארקען כאראקטער. ער בעדארף זעהר האבען אז עמיצער זאל איהם העלפען געהן בדרך הישר.

ר ע ג י נ א. אה, יע, הערר פאסטאר, ער בעדארף עס זעהר נויטיג.

מ א נ ד ע ר ס. ער בעדארף לעבען זיך האבען עפעס א געטרייען, רעכטען מענשען פאר וועמען ער זאל האבען אבשיי. ער האט דאס מיר אליין אלץ געזאגט, ווען ער איז ביי מיר לעצטער געווען.

ר ע ג י נ א. יא, ער האט דאס מיר אויך דערמאנט. אבער וואס קען איך איהם העלפען? איך האב מורא אז פרוי אלווינג קען מיך פון דאנען ניט אבלאזען, דערהויפט נאך איצט, אז מיר וועלען דארפען אכטונג געבען אויף דעם נייעם יתומים־הויז. א חוץ דעם, הערר פאסטאר, וואלט איך זעהר ניט וועלען אוועקגעהן פון פרוי אלווינג. זיא איז צו מיר אלע מאל געווען אזוי גוט!

מ א נ ד ע ר ס. אבער, מיין טייער קינד, סטייטש, כיבוד אב— פערשטעהט זיך, מיר וועלען פריהער מוזען פועל'ן ביי אייער בעל הבית'טע זיא זאל אייך וועלען אבלאזען.

ר ע ג י נ א. אבער, פאסטאר מאנדערס, אפשר פאסט דאס גאר ניט פאר מיר— איך בין דאך שוין ניט קיין מיידעלע— וואהנען אליין אין א הויז מיט א ניט־פערהייראטהען מאנסביל?

מ א נ ד ע ר ס. גאט איז מיט אייך, פריילין ענגסטראנד! סטייטש, א'ן אייגענער טאטע!

ר ע ג י נ א. אפשר זייט איהר גערעכט, פון דעסטוועגען—

מהיכא תיתא, אַט ווען עס זאָל זיך מאַכען אַ׳ן אמת לייטישע הויז און ביי אַ׳ן אמת פיינעם מענשען—

מ אַ נ ד ע ר ס. אבער, מיין טייערע רעגינא—

ר ע ג י נ אַ. —ווען ס׳זאָל זיין א מענש וועמען איך וואָלט געקענט ליעב האָבען און אכטען און זיין ביי איהם וויא א טאָכטער—

מ אַ נ ד ע ר ס. וואויל, וואויל, אבער מיין ליעבע, טייערע קינד—

ר ע ג י נ אַ. דאמאלס וואָלט איך אליין אויך זיין צופריעדען אומקעהרען זיך אין שטאדט. ווארום, צוריק געשמועסט, איז דאָ אין הויף גאַנץ אומעטיג. און איהר ווייסט דאָך אליין, הערר פאַסטאָר, וויא ביטער עס איז אַז מען איז אליין אויף דער וועלט. און דאָס קען איך פערזיכערען, איך בין ניט קיין פוילערקע, איך טהו אב מיין ארבייט שנעל. ווייסט איהר אפשר, הערר פאַסטאָר, פון עפעס א רעכטען אָרט?

מ אַ נ ד ע ר ס. איך? ניין, באמת ניט.

ר ע ג י נ אַ. אבער ליעבער, טייערער הערר פאַסטאָר, טאָמער וועט זיך מאכען, טאָ, בעט איך אייך, האָט מיך אין זינען.

מ אַ נ ד ע ר ס. (שטעהט אויף.) אודאי, אודאי וועל איך ניט פערגעסען, פריילייך ענגסטראנד.

ר ע ג י נ אַ. וואָרים, אויב איך—

מ אַ נ ד ע ר ס. ווילט איהר איצט, רעגינא, זיין אזוי גוט און אַ רוף טהון אהער דיא בעל הבית׳טע?

ר ע ג י נ אַ. אַט שוין, הערר פאַסטאָר, דיא מינוט. (אב. לינקס.)

מ אַ נ ד ע ר ס. (געהט זיך דורך עטליכע מאָל איבערן צימער, שטעלט זיך אָב אַ ווײלע אין הינטערגרונד מיט דיא הענד פערלייגט אַהינטער און קוקט ארויס אין סאָד. דערנאָך קומט ער צוריק צו צום טיש, טהוט אַ נעם אַ בוך און טהוט אַ קוק אויפ׳ן פאָדער־בלאַט, ער טהוט זיך אַ כאַפּ און קוקט אַריין אין נאָך עטליכע ביכער) הם— אזוי גאָר!

פ ר ו י אַ ל ו י נ ג. (קומט אַריין דורך דער טהיר לינקס,

נאך איהר קומט אריין רעגינא, וועלכע פערשווינדעט באלד דורך דער ערשטער טהיר רעכטס. אלווינג שטרעקט אוים דיא האנד צופרידען.)
ברוך הבא, ליעבער פאסטאר, איהר זייט ביי מיר זעהר א'ן אנגע־לעגטער גאסט.

מ א נ ד ע ר ס. (דריקט איהר דיא האנד.) וואס מאכט איהר, פרוי אלווינג? איהר זעהט, איך האב אייך צוגעזאגט צו זיי'ן היינט און אט בין איך דא.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אה, איהר זייט דאך פון אימער אן געווען פינקטליך אויפ'ן האר.

מ א נ ד ע ר ס. דעם אמת זאגענדיג, איז מיר ניט גאר אזוי גרינג געווען אבצורייסען זיך פון שטאדט. זאלען זיי געזונד זיין, אזוי פיעל חברות מיט קאמיטעטען—

פ ר ו י א ל ו י נ ג. און דאך זייט איהר נאך געקומען אזוי פריה. וויא שעהן דאס איז פון אייך. וועלען מיר טאקע פאספעיען מיט אונזערע געשעפטען נאך פאר מיטאג. אבער וואו איז דאס ערגעץ אייער באגאזש?

מ א נ ד ע ר ס. (אויף שנעל) איך האב עם אבגעשטעלט אין קרעטשמע. איך וועל טאקע דארטען היינט נעכטיגען אויך.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (פארבארגט א שמייכעל) וויא איז דאס, הערר פאסטאר, איך טאר זיך טאקע גאר קיינמאל ניט ריכטען אז איהר'ט מיר אמאל טהאן צוליעב און איבערנעכטיגען א נאכט ביי מיר אין שטוב?

מ א נ ד ע ר ס. ניין, ניין, פרוי אלווינג. איך דאנק אייך זעהר. איך וועל שוין נעכטיגען דארט אין קרעטשמע, וויא מיין שטייגער איז פון תמיד אן. עם איז זעהר ביים האנד אז מען דארף אוועקפאהרען: באלד ביים האפען.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. הפנים, אז איך וועל שוין אייך ניט איבערשטעללען. פון דעסטוועגנט האב איך געמיינט, אז איצטער, אז מיר זיינען שוין ביידע אלטע לייט—

מ א נ ד ע ר ס. איך זעה אז איהר ווילט ניט אנדערש וויא מאכען פון מיר היינט חוזק. מהיכא תיתא עם מעג אייך טאקע זיין

פריילעך אויפ׳ן הארצען. אַט האָבען מיר מאָרגען א יום טוב און אייער אָסוואלד איז געקומען צו פאָהרען.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. איהר זייט גערעכט. איהר קענט אייך גאַנץ גוט פאָרשטעלען וואָס פאר א פרייד מיין אָסוואלד איז ביי מיר. שוין מעהר וויא צוויי יאהר אַז איך האָב איהם ניט געזעהן. אבער איצט זאָגט ער מיר צו, אַז ער וועט ביי מיר פערברייננגען דעם גאַנצען ווינטער.

מ א נ ד ע ר ס. אַזוי אפילו? דאָס איז זעהר שעהן פון איהם, זעהר געטריי. ווארום איך קען מיר גאַנץ גוט פאָרשטעלען אַז פאר א יונגען מאַן מוז זיין פיעל געשמאַקער צו וואָהנען אין פאַריז אָדער אין רוים איידער דאָ ביי אונז.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. אמת, דערפאר אבער האָט ער דאָך דאָ דיא מאַמע. ס׳אַראַ ליעבער זוהן דאָס איז! אַזאַ לאַנגע צייט ניט געווען אין דער היים און דאָך האָט ער נאָך ניט פערגעסען זיין אַלטע מאַמע.

מ א נ ד ע ר ס. איך מיין עפעס. עס וואָלט דאָך דער אמת׳ן געווען שוין זעהר ניט פרעהליך מיט אונז, ווען דורך ארומפאָהרען אין פרעמדע לענדער, דורך מאָהלען בילדער און טהון נאָך אַזעלכע זאַכען וואָלט שוין אַ מאַמע געוואָרען אויס מאַמע.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. גאַנץ ריכטיג. אבער מיין אָסוואלד ווייזט אפילו ניט ארויס קיין סימן פון אַזאַ אָבגעפרעמדקייט. איך בין זעהר ציקאַווע צו זעהן צי וועט איהר איהם דערקענען. אָט באַלד וועט ער טאַקע ארונטערקומען. ער איז איצט אויבען, ער האָט זיך אַ ביסעל צוגעשפּאַרט אויף דער קאַנאַפּע. אבער, וואָס שטייט איהר, מיין ליעבער פּאַסטאָר, זיצט, זעצט זיך.

מ א נ ד ע ר ס. אַ דאַנק. הייסט דאָס, האָט איהר איצט צייט—?

פ ר ו י א ל וו י נ ג. אַ ודאי, וויא דען? (זעצט זיך ביים טיש.)

מ א נ ד ע ר ס. אויסגעצייכענט. טאָ הערט־זשע— (געהט צו צום שטוהל וואו עס ליעגט זיין רייזע־טעשעל, נעהמט פון דאָרט ארויס

אַ פּאַקעט מיט פּאַפּיערען, זעצט זיך אויפ'ן אַנדערען זייט פון פרוי אַלווינג און זוכט אַ פרייען פּלאַץ אויפ'ן טיש אוועקצולעגען דיא דאָקומענטען.) קודם כל, אָט איז— (שלאָגט זיך איבער אין מיטען) זאָגט מיר, איך בעט אייך, פון וואנען קומען עס צו אייך אָט דיא ביכער?

פ ר ו י א ל ו י ג. דיא ביכער? וואָס הייסט, דאָס לעז איך דאָך זיי.

מ א נ ד ע ר ס. איז אָט אזעלכע ביכער לייענט איהר?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. געווים, פאַר וואָס דען ניט?

מ א נ ד ע ר ס. איך וואָלט גערן וויסען, וואָס גיבען זיי אייך אזוינס? צי זיי מאַכען אייך גליקליכער, צי זיי מאַכען אייך פאַר אַ בעסערען מענשען?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. דורך דיא ביכער פיהל איך מיך עפּעס אזוי וויא זיכערער.

מ א נ ד ע ר ס. עפּעס קען איך דאָס ניט פערשטיין. וויא אזוי מיינט איהר?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. איך מיין, אז לייענענדיג דיא ביכער ווערען ביי מיר פיעלע זאַכען, וואָס איך האָב פריהער אַליין געדאַכט, עפּעס אזוי ווי קלערער און ראַיעלער. וואָרים, הערט איהר, פּאַסטאָר מאַנדערס, אַ מאָדנע זאַך דאָס איז, אז אין דיא אַלע ביכער איז אין גרונד גענומען גאָר קיין נייעס ניטאָ. אַלץ וואָס אין זיי שטעהט, האָט שוין דיא וועלט געוואוסט און געגלויבט אין דעם נאָך פאַר זיי. מעהר ניט, דיא מייסטע מענשען רעדען דאָס ניט אַרוים מיט קלאָרע ווערטער צו זיך אַליין, אָדער זיי בעהאַלטען זיך דערמיט.

מ א נ ד ע ר ס. גרויסער גאָט! און איהר מיינט דאָס טאַקע ערנסט, אז דיא מייסטע מענשען—?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. יע, אזוי מיין איך.

מ א נ ד ע ר ס. על כל פנים דאָך ניט אין אונזער לאַנד? ניט אין אונזערע מקומות, כאָטש?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. איהר האָט אַ טעות, פּאַסטאָר. דאָ אין אונזער לאַנד, אין אונזערע מקומות אויך.

מאנדערס. נו, אויב אזוי מוז איך זאגען—!

פרוי אלווינג. ווייטער, וואס געפעלט אייך אזוי ניט אין דיזע ביכער?

מאנדערס. וואס מיר געפעלט אין זיי ניט? א שעהנע מעשה, כ׳לעבען. איהר מיינט הפנים, אז מעהר האב איך טאקע ניט וואס צו טהון וויא אוועקזעצען זיך שטודירען אזעלכע מעשיות?

פרוי אלווינג. מיט אנדערע ווערטער הייסט דאס, אז איהר הייבט ניט אן צו וויסען וואס אין דיא ביכער טהוט זיך, און דאך זייט איהר בערייט אויף זיי ארויפצולעגען א חרם.

מאנדערס. דאס ניט! דיא ביכער אליין האב איך טאקע ניט געלייענט, אבער איך האב זיך גענוג אנגעלייענט מכח זיי, אום צו וויסען וואס פאר סחורות זיי זיינען.

פרוי אלווינג. יע, אבער קיין אייגענע מיינונג—

מאנדערס. מיין ליעבע פרוי אלווינג, דאס איז ניט דער איינציגער פאל אין אונזער לעבען, וואו מיר מוזען זיך פערלאזען אויף אנדערע. אזוי איז עס שוין אויף דער וועלט, און איך זאג, גאט זיי דאנק דערפאר וואס עס איז ניט אנדערש. אז ניט וויא וואלטען דיא מענשען גאר קענען לעבען אויף דער וועלט?

פרוי אלווינג. דאס מאל זייט איהר שוין גערעכט.

מאנדערס. אגב, לייקען איך נאטירליך ניט, אז אין דיא ביכער קען זיך א מאל געפינען א היבשע ביסעל אינטערעסאנטע זאכען. היינט, וואס איז דער וואונדער, אז איהר זאלט יא לייענען דיא ביכער? גאר ניט, איהר ווילט וויסען, וואס אויף דער גרויסער וועלט טהוט זיך, לייענט איהר זיי. יא, עפעס זאגען זיי בעוועגט זיך דארטען, עפעס קומען אויף גאר נייע געדאנקען. און, ווידער, מיט וואס זאל לייענען וועגען דער גרויסער וועלט זיין ערגער איידער אוועקשיקען אהין דעם זוהן פאר א לאנגע צייט אויף עדוקאציע? אבער—

פרוי אלווינג. אבער וואס?

מאנדערס. (מיט א ניעדריגערען קול) אבער וואצו, פרוי

אלווינג, דארף מען נאָך ריידען מכח דעם? מען איז דאָך ניט מחויב אָבגעבען פאר יעדען איינעם דין וחשבון פאר דעם וואָס מען לייענט זיך אָדער מען טראַכט זיך ביי זיך אין שטוב.

פ ר ו י אַ ל ו ו י נ ג. ניין, ניט מחויב. איך שטים מיט איך איין.

מ אַ נ ד ע ר ס. אָט נעהמט כאָטש למשל, דעם יתומים־הויז. אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָבען זיך אייערע געדאנקען מכח דיא ענינים פון פרומקייט אַ היבשע ביסעל געענדערט פון דער צייט אָן ווען עס איז ביי אייך געבליבען צו לעגען דעם פונדאַמענט. נו, דארפט איהר דען איצט נעהמען קלינגען אין אַלע גלאָקען אַז אייער קוק וועגען דעם איז שוין היינט גאָר אַנאַנדערער, און קאַליע מאַכען דאָס וואָס איהר אַליין האָט געבויט? קיינער דארף פון אייער פערענדערונג ניט וויסען!

פ ר ו י אַ ל ו ו י נ ג. יא, איך גיב דאָס צו. אבער אייגענט־ ליך האָבען מיר דאָך דאָס טאַקע וועגען דעם יתומים־הויז—

מ אַ נ ד ע ר ס. גערעכט, אָט טאַקע וועגען יתומים־הויז האָבען מיר עס בעדאַרפט רעדען. איך זאָג איין זאַך, ליעבע מאַדאַם: מען דארף זיין אויסגערעכענט, מען דארף זיין פאָר־ זיכטיג! און איצט וועלען מיר טאַקע נעהמען עפּעס טהון. (ער עפענט אויף דעם פּאַקעט און נעהמט ארויס אייניגע פּאַפּיערען) איהר זעהט?

פ ר ו י אַ ל ו ו י נ ג. וואָס איז דאָס? דיא דאָקומענטען?

מ אַ נ ד ע ר ס. אַלע דאָקומענטען און אַלע זיינען זיי פּינקט־ ליך אויפ׳ן האָר. איהר מעגט מיר גלויבען, עס איז מיר ניט גרינג אָנגעקומען דיא אַלע פּאַפּיערען ארויסצוקריגען אין דער צייט. איך האָב געמוזט אָנווענדען אַ היבש ביסעל כחות ביז וואַנען איך האָב דאָס אַלץ דערוויזען. דיא בעאַמטע קענען אַ מענשען קראַנק מאַכען מיט זייערע דקדוקי עניות ווען מען וויל זיי ניט לאָזען פערציהען אַ׳ן אינטערעס ביז משיח וועט קומען. ענדליך אָבער האָב איך זיי דאָ אַלע. (קוקט דורך דאָס בינטעל פּאַפּיערען.) איהר זעהט, אָט דאָס איז דער שיין, לויט וועלכען דער גאַנצער פּלאַץ. וואָס

רופט זיך סאלוויק, אינ'ם הויף ראזענוואלד, צוזאמען מיט דיא אויף דערוויף אקארשט אויסגעשטעלטע בנינים, שול־צימערען, דיא וואהנונג פאר'ן לעהרער און דאס קלויסטערל, ווערען אלע אוועק־געשענקט פאר'ן יתומים־הויז. און אט איז דאס פאפיער וועלכעס בעשטעטיגט דעם פאנד און דיא רעגעלן וועגען דעם אנשטאלט. ווילט איהר ניט א קוק געבען? (לעזט פאר) דאס זיינען דיא רעגעלן וועגען דעם יתומים־הויז „צום אייביגען אנדענקען פון קאפיטאן אלווינג."

פרוי אלווינג. (זיא קוקט לאנג אויפ'ן פאפיער) דאס איז דאס, הייסט דאס.

מאנדערס. איך האב מיט א כיון אוועקגעשטעלט קאפיטאן אלווינג און ניט קאמערהערר, ווייל אזוי איז איינפאכער, אהן גאוה.

פרוי אלווינג. זעהר וואויל, וויא איהר פערשטייט.

מאנדערס. און אט איז דער באנק־בוך פון דעם פאנד. דעם קרן וועלען מיר ניט ריהרען און מיט'ן פראצענט וועלען מיר פיהרען דיא הוצאות פון דעם יתומים־הויז.

פרוי אלווינג. א דאנק. זייט אזוי גוט, האלט דאס בעסער ביי זיך— אזוי וועט זיין וויגאדנער.

מאנדערס. אך! פאר וואס ניט? איך דענק, אז מיר זאלען דאס געלד דערווייל נאך לאזען ליגען אין באנק. אמת טאקע, אז דער פראצענט איז ניט גאר קיין געהויבענער— סך הכל פיער פראצענט א יאהר — דערצו נאך, אז מען וויל דאס געלד ארויסנעהמען, דארף מען זיי לאזען וויסען מיט זעקס מאנאטען פריהער, דערפאר אבער איז עס ראיעל. אט ווען עס זאל זיך מאכען מען זאל קענען דאס געלד פערלייהען אויף גוטע בעווארענעסען— פון קיין צווייטע קלאסע בעווארענעסען רעדט מען ניט— נו, וועלען מיר דאמאלס זעהן.

פרוי אלווינג. געוויס, ליעבער פאסטאר מאנדערס. איך פארלאז מיך אין דעם אין גאנצען אויף אייך. איהר פערשטעהט אין דעם א סך בעסער פון מיר.

מ א נ ד ע ר ס. יעדענפאלס, וועל איך דיא זאך האבען גופ אין זינען. איצט איז פאראן נאך איין זאך וועגען וועלכער איך האב זיך שוין לאנג צוגעקליבען מיט אייך צו רעדען.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. וועגען וואס איז דאס?

מ א נ ד ע ר ס. דיא פראגע איז אט וואס: זאלען מיר דיא געביידעס פון דעם יתומים־הויז אסעקורירען אדער ניט?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. געווים דארף מען אסעקורירען.

מ א נ ד ע ר ס. כאפט־זשע ניט, פרוי אלווינג, כאפט ניט. לאמיר נאר בעטראכטען דעם אינטערעס א ביסענקע טיעפער.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. ביי מיר איז יעטווידע זאך אסעקורירט: דיא געביידעס, דיא שטוב־זאכען, דיא תבואות אויף דיא פעלדער און דיא תבואות אין דיא שייערס.

מ א נ ד ע ר ס. פערשטעהט זיך, וויל דאס איז דאך אייער אייגענער פערמעגען. דאס זעלבע טהו איך אויך מיט מיין בעל־הבית׳ישקייט. וויא דען? אבער מיט׳ן יתומים־הויז, איז דאך, פערשטעהט איהר מיך, א גאנץ אנדער זאך. דער יתומים־הויז איז דאך ניט גלייך צו קיין וואכעדיגע זאך. ער וועט דאך, הייסט דאס, געווידמעט ווערען פיר א העכערען צוועק.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. יע. אבער וואס איז שייך—?

מ א נ ד ע ר ס. איהר פרעגט מיך? איך זעה דא טאקע ניט ארוים קיין שום עולה אז מען זאל דעם יתומים־הויז בעווארענען. מאלע וואס עס קען טרעפען?—

פ ר ו י א ל ו י נ ג. געווים ניט.

מ א נ ד ע ר ס. יע, אבער וואס וועלען לייט זאגען דא אין דעם געגענד? דאס מוזט איהר דאך וויסען בעסער פון מיר.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. הם— וואס וועלען לייט זאגען—?

מ א נ ד ע ר ס. וועט דען ניט א היבשע ביסעל מענשען פון אייער געגענד— איך מיין אזעלכע מענשען וואס האבען אויף עפעס צו שאפען אין דער וועלט— דאס האלטען פאר א׳ן עולה?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. וועמען מיינט איהר: מענשען וואס האבען אויף עפעס צו שאפען אין דער וועלט?

מ א נ ד ע ר ס. איך מיין מענשען, וואָס זיינען ניט אָרעם, מענשען מיט אַ דעה. אז מען טהוט עפּעס, איז אַלע מאָל גלייכער אז מען האָט אין זינען וואָס אַזעלכע מענשען קענען דערפון דענקען.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. עס איז אָרום אונז פאראַן גענוג אַזעלכע מענשען ביי וועמען עס וועט אפשר זיין אַ גאַנצע עברה אז—

מ א נ ד ע ר ס. נו, זעהט איהר שוין! ביי אונז אין שטאדט, ווידער, איז פאַראַן אַ סך אַזעלכע. אָט, למשל, די גוטע פריינד פון דעם צווייטען פאַסטאָר פון שטאדט. זיי וועלען זיך אָן דעם אָנכאַפּען און אויסטייטשען עס, אז מיר ביידע, סאַי איהר און סאַי איך, האָבען ניט קיין ריכטיגע אמונה אין השגחה פרטית.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. מילא, וואָס איז שייך צו איך, ווייסט איהר דאָך ביי זיך אין הארצען גאַנץ גוט—

מ א נ ד ע ר ס. אודאי, ווייס איך. אין מיין געוויסען וואָלט איך קיין שום חטא ניט בעגאַנגען ווען מיר אַסעקורירען יא דעם יתומים־הויז, אבער וואָס איז די פּעולה? די וועלט וועט דאָס פערשטעהן גאַנץ אנדערש און מסתמא וועט זיא שוין דעריבער קוקען קרום אויפ׳ן יתומים־הויז אויך און דאָס קען איהם פיעל שאַדען.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. אויב אַזוי טאָ לאָמיר—

מ א נ ד ע ר ס. היינט, ווידער, וועט דאָס זיין זעהר ניט געשמאַק, און אפשר טאַקע גאַנץ ביטער פאַר מיר אליין. ביי די שעהנסטע מענשען פון שטאדט איז דער יתומים־הויז גאַר אַ׳ן עולם ומלואה. און ווי דער אמת איז וועט ער דאָך פאַר׳ן שטאדט אויך זיין ניצליך. די שטאדט ריכט זיך, אז דורך דעם וואָס דער נייער אנשטאַלט וועט פון איהר אָראָפּנעהמען די זאָרג פאַר די יתומים, וועלען איהרע ציגזען פאַר צדקה־זאַכען ווערען אַ היבשע ביסעל קלענער. איהר זעהט, אַלזאָ, אז די וועלט קוקט אויפ׳ן וויזען־הויז וויא אויף אַ קהל׳שע זאַך. און איצט אז מיר וועלען מיט דער אַסעקוראַציע דערצאָרענען די פּרומאַקעס, וועלען זיי קודם כל זיך נעהמען צו מיר און מיך מאַכען מיט דער בלאָטע,

ווארום איך בין דאך געוועזן אייער בעל יועץ און דער גאנצער בעל מתעסק.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. אָה, אזוי ווייט טאָרט איהר ניט ריזי־קירען.

מ א נ ד ע ר ס. ווער רעדט נאָך פון געוויסע צייטונגען און זשורנאלען! יענע וועלען דאָך אויף מיר אודאי גאָר אָנפאלען ווי די וועלף. זיי—

פ ר ו י א ל וו י נ ג. גענוג שוין וועגען דעם, ליעבער פאסטאָר מאנדערס. קיין בעסערע אורזאכען ווי די דארף מען שוין ניט.

מ א נ ד ע ר ס. הייסט דאָס אלזאָ אז איהר ווילט ניט אסעקורירען דעם יתומים־הויז?

פ ר ו י א ל וו י נ ג. ניין, מען דארף ניט.

מ א נ ד ע ר ס. (לעגט זיך אָב אין זיין קרעסלע) אבער ווי וועט זיין אז עס וועט זיך חלילה טרעפען אַ'ן אומגליק? איהר מיינט מען קען וויסען? — וועט דאן פאר אייך זיין מעגליך אלץ אפבויען צוריק?

פ ר ו י א ל וו י נ ג. ניין, איך זאָג אייך אָפען, אז דאָס וועל איך ניט טהון.

מ א נ ד ע ר ס. אויב אזוי זאָלט איהר טאַקע וויסען, פרוי אלווינג, אז מיר נעהמען אויף זיך אַ גרויסע פעראנטוואָרטליכקייט.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. איז דען דאָ עפּעס אַ פּאַרטעל?

מ א נ ד ע ר ס. ניין, אָט דאָס איז דאָך טאַקע די צרה, וואָס עס איז ניטאָ קיין וועג און קיין מיטעל. מיר טאָרען ניט געבען דער וועלט קיין געלעגענהייט מען זאָל אויף אונז רעדען שלעכטס און מיר האָבען קיין שום רעכט ניט צו געהן אַקעגען די געפיהלען פון אונזערע שכנים.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. איהר, אלס פריעסטער, געוויס ניט.

מ א נ ד ע ר ס. און נאָך אַלע מעשיות, ווילט זיך מיר דאָך גלויבען, אז מיט אזאַ אַנשטאַלט קענען מיר זיך פערלאָזען אויף מזל און, יאָ, טאַקע אויף השגחת פּרטית אַליין.

פרוי אלווינג. לאָמיר האָפען, פאַסטאָר מאַנדערס.

מאַנדערס. בלייבט דאָס, הייסט דאָס, ניט אַסעקורירען.

פרוי אלווינג. געוויס ניט.

מאנדערס. זעהר שעהן, וויא איהר ווילט (פערציייבענט) אַלזאָ, ניט אַסעקורירען.

פרוי אלווינג. א מאָדנע זאַך פון דעסטוועגען אז גראד היינט זאָל איך אויסקומען צו רעדען וועגען דעם—

מאנדערס. איך האָב שוין לאנג געטראַכט אייך פרעגען וועגען דעם—

פרוי אלווינג. איך זאָג דאָס אַקעגען דעם וואָס ערשט נעכטען איז אין יתומים־הויז שיער ניט געווען א שרפה.

מאנדערס. וואָס רעדט איהר ? !

פרוי אלוויג. שרעקט אייך ניט. דאָס איז געווען א גאַנץ קליינינקע שרפה'לע. דאָרטען וואו דיא סטאָליארעס שטעהען, האָט זיך אָנגעכאַפּט א קופּע סטרוזשקעס.

מאנדערס. דאָרטען וואו ענגסטראַנד אַרבייט ?

פרוי אלווינג. יע, מען זאָגט אז ער האָט א טבע ארומצואוואַרפען שוועבעלאַך.

מאנדערס. אָה, איהם ליגען נעבאַך אין קאָפּ אזוי פיעל זאַכען, נעבאַך א שוואַכער מענש— און מוז פיהרען א שטענדיגע מלחמה מיט'ן יצר הרע. אבער, גאָט זיי דאנק, איך האָב געהערט זאָגען אז איצט האָרעוועט ער נעבאַך שווער זיך איבערצושטעלען.

פרוי אלווינג. אזוי ? פון וועמען האָט איהר דאָס געהערט ?

מאנדערס. ער אליין האָט דאָס מיר טאַקע דערציילט. און דאָס קען דאַך ביי איהם קיינער ניט אוועקנעהמען, אז ער איז א גוטער בעל מלאכה.

פרוי אלווינג. יא, ווען ער איז נאָר ניכטער.

מאנדערס. יא, אָט דאָס איז דאַך טאַקע זיין אונגליק, דאָס טרינקען. נור וועדליג ער זאָגט, מוז ער אָפט טרינקען, ווייל ער האָט דאַך נעבאַך דיא קראַנקע פוס. דעם לעצטען מאָל, ווען

ער איז צו מיר פערגאַנגגען, האָב איך אויף איהם אמת רחמנות געקראָגען. וואָלט איהר הערען וויא וואַרעם ער האָט מיר בעדאַנקט פאַר דער אַרבייט וואָס איך האָב איהם דאָ פערשאַפט ניט ווייט פון רעגינאַ'ן.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. דאַכט זיך אז ער זעהט זיא גאָר ניט אַזוי אָפט.

מ א נ ד ע ר ס. ער זעהט זיא, וויא דען? ער רעדט זיך מיט איהר דורך יעדען טאָג. ער האָט דאָס מיר אַליין דערציילט.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. און אפשר?

מ א נ ד ע ר ס. ער פיהלט נעבאַך אַליין זיין אייגענע שוואַכ־קייט און אז ווען דער יצר הרע בעפאַלט איהם מוז ער לעבען זיך האָבען עמיצען וואָס זאָל איהם אָבהאַלטען פון זינד. ד י א גוטע מדה האָט ער אין זיך, יאַקאָב ענגסטראַנד. ער קומט צו מיר נעבאַך צו־געהן אַזוי דערשלאָגען, בעשולדיגט זיך אַליין און איז זיך פאַר מיר אַליין מודה אין זיינע זינד. אנומעלט אז ער האָט פאַר מיר אויס־דערצעהלט דיא הארץ— גלויבט מיר, פרוי אלווינג, אָט למשל ווען ער זאָל ווירקליך מוזען האָבען רעגינאַ'ן צוריק ביי זיך אין דער היים—

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. (כאַפּט זיך האַסטיג אויף פון שטוהל) רעגינאַ'ן!

מ א נ ד ע ר ס. איהר טאָרט איהם אין דעם ניט שטערען.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. מיט אַלע כחות וועל איך דאָס שטערען! א חוץ דעם איז שוין פאַר רעגינאַ'ן אָנגעגרייט א שטעלע אין יתומים־הויז?

מ א נ ד ע ר ס. אבער פערגעסט ניט, אז נאָך אַלעמען, איז ער דאָך איהר פאָרט א טאַטע—

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. אָה, איך ווייס שוין גאָר גוט וואָס פאַר א טאַטע ער איז איהר. ניין! כל זמן איך וועל נאָך איבער איהר האָבען א שטיקעל דעה וועט זיא צו איהם ניט געהן.

מ א נ ד ע ר ס. (הייבט זיך אויף) אבער, מיין ליעבע מאַדאַם, וואָצו זאָלט איהר זיך אַזוי אָבעסען דאָס הארץ? עס פערדריסט

מיך, הערט איהר, זעהר וואָס איהר האָט אַזאַ אונגערעכטע מיינונג וועגען ענגסטראַנדען. איהר האָט זיך אַזש דערשראָקען—

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (מיט אַ רוהיגערען טאָן) זאָל עס זיין וויא עס וויל זיך. אבער איך זאָג אייך, אַז קוים האָב איך רעגינאַן איינמאָל געגומען צו מיר אין הויז, וועט זיא שוין פון מיר ניט אַוועקגעהן. (הערט זיך איין.) אבער, שאַ, ליעבער הערר מאַנדערס, רעדט מיט מיר מעהר ניט וועגען דעם. (איהר פּנים שיינט אויף פון פרייד) איהר הערט? אָסוואַלד געהט אַרונטער פון דיא טרעפּ. איצט וועלען מיר וועגען קיין זאַך ניט דענקען, נור וועגען איהם אַליין.

אָ ס ו ו אַ ל ד. (ער קומט אַרויף דורך דער טהיר לינקס, אָנגעטאָן אין אַ לייכטען מאַנטעל, מיט'ן קאַפּעליוש אין האַנד. אין מויל האַלט ער אַ לאַנגע מעערשוימענע ליולקע. ער בלייבט אַ ווײַלע שטעהן אין טהיר.) אָה, ענטשולדיגט מיר. איך האָב געמיינט אַז איהר זיינט אין שרייב־צימער. (ער קומט צו נעהנטער) אַ גוטער מאָרגען, פּאַסטאָר מאַנדערס.

מ אַ נ ד ע ר ס (גיט זיך אַ כאַפּ וויא דערשראָקען) אַך—! וויא זאָנדערבאַר—!

פ ר ו י א ל ו י נ ג. נו, פּאַסטאָר מאַנדערס, וויא געפעלט אייך עפּעס א יונגערמאַן, האַ?

מ אַ נ ד ע ר ס. איך— איך— אָט דאָס איז טאַקע—?

אָ ס ו ו אַ ל ד. אָט דאָס בין איך טאַקע, הערר פּאַסטאָר, דער פערבלאָנזעטער זוהן.*)

מ אַ ד נ ע ר ס. (פערלעגען) אָך, מיין ליעבער יונגער פריינד—!

אָ ס ו ו אַ ל ד. נו, טאָ זאָל זיין, דער צוריקגעקעהרטער זוהן.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אָסוואַלד האָט דאָס אין זינען דיא

---

*) דאָס איז אַ'ן אָנשפּיעלונג אויף אַ געשיכטע פון „ברית חדשה“ מכח אַ צולאָזענעם זוהן, וואָס איז אַוועק פון זיין פאטער און איז דער־נאָך געקומען צוריק.

צייט ווען איהר האָט אזוי ניט געוואָלט לײדען, ער זאָל ווערען אַ מאָהלער.

מ א נ ד ע ר ם. א סך זאכען קומען אין אונזערע מענשליכע אויגען בשעת מעשה פאַר אלס ניט גוט, נאכדעם אבער צייגט זיך ארוים— (שאָקעלט איהם שטאַרק דיא האַנד) נור, וויא עם זאָל דאַרטען ניט זיין, איצט אז איהר זייט געקומען אַ היים, פיהל איך מיך אמת דערפרעהט. זאָל זיין מיט גליק. וואָס הייסט, מיין ליעבער אָסוואַלד— איהר'ט דאָך צו מיר גאָר ניט האָבען דערפאר וואָס איך וועל אייך רופען מיט אייער ערשטען נאָמען?

אָ ס וו א ל ד. אדרבא, פאַר וואָס דען ניט?

מ א נ ד ע ר ם. זעהר שעהן. איך האָב, מיין ליעבער אָס־וואַלד, אָנגעהויבען זאָגען אָט וואָס. איהר זאָלט ניט מיינען אז איך וויל גאָר דיא מאָהלעריי אריינלעגען אין א חרם. ביי מיר איז גאָר קיין ספק ניט, אז א סך מענשען קענען ביי דער מאָהלעריי אויך בלייבען מיט ריינע נשמות, ניט ערגער וויא ביי אַנדערע בעשעפטיגונגען.

אָ ס וו א ל ד. לאָמיר האָפען, אז אזוי איז עס.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (מיט אַ שטראַהלענדען געזיכט) פון איין מאָהלער ווייס איך זיכער, אז ער איז פערבליעבען ריין סאַי אין דער נשמה און סאַי אין גוף. איהר קוקט איהם נאָר אָן, הערר מאַנדערס.

אָ ס וו א ל ד. (דרעהט זיך אונרוהיג אַרום איבער'ן צימער) יא, יא, ליעבע מוטער. אָבער לאָמיר רעדען פון עפּעס אַנדערש.

מ א נ ד ע ר ם. גאנץ געוויס— קיינער קען דאָס ניט אָב־לייקענען. וויא איך זעה, האָט איהר שוין אָנגעפאַנגען קריגען אַ נאָמען אויף דער וועלט. דיא צייטונגען דערמאָנען אייך אָפט. און אַלע מאָל זעהר צום גוטען. נור, ווארט אקאָרשט, עפּעס דיא לעצטע צייט, דוכט זיך מיר, שרייבען זיי שוין וועגען אייך ניט אזוי אָפט.

אָ ס וו א ל ד. (טרעט אָב ווייטער אין דער אָראַנזשערעע) דיא לעצטע צייט האָב איך ניט געקענט מאָהלען אזוי פיעל.

פ ר ו י א ו ל י נ ג. נישט־קשה, א מאהלער מעג זיך אויך א ביסעל אויסרוהען ווען־ניט־ווען.

מ א נ ד ע ר ס. פערשטעהט זיך. און דערווייל נעהמט ער זיך אָן מיט קרעפטען און ברייט זיך צו פאר עפעס א גרויסע ארבייט.

אָ ס ו ו א ל ד. יא. מאמע, וועט באלד זיין פארטיג מיטאג?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אין א קנאפער האלבער שטונדע ארום. גאָט צו דאנקען, האָט ער א'ן אפעטיט!

מ א נ ד ע ר ס. און רויבערען האָט ער הפנים אויך ניט פיינט.

אָ ס ו א ל ד. דאָס האָב איך ביי מיר אין צימער געפונען דעם טאטענס ליולקע, האָב איך—

מ א נ ד ע ר ס. אוהו! אָט איצט איז שוין רעכט.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. וואָס איז רעכט?

מ א נ ד ע ר ס. מיט א ווײלע פריהער ווען אָסוואלד איז געשטאנען דאָרטען אין טהיר מיט דער ליולקע אין מויל, וואָלט איך געקענט שווערען, אז זיין פאטער שטעהט דאָס פאר מיר א לעבע־דיגער.

אָ ס ו א ל ד. ניין, וואָס רעדט איהר?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אָ, ווייס איך וואָס איהר רעדט! אָסוואלד איז אין גאנצען אין מיר געראָטהען

מ א נ ד ע ר ס. דאָס איז זיך א בעזונדער זאך. אבער ער האָט אזא מיענע אָט דאָ ארום דיא ווינקלען פון זיין מויל— עפעס־אָ ארום דיא ליפען אַקוראט וויא ביי אלווינג'ן. ווער רעדט, איצט, אז ער רויכערט!

פ ר ו י א ל ו י נ ג. וויא קומט עס? מיר דוכט אז דער שניט פון אָסוואלד'ס מויל איז גאָר פאכאָזשע אויף א גלח'ס.

מ א נ ד ע ר ס. ריכטיג, ריכטיג. פיעלע מיינע בעקאנטע פאסטאָרען האָבען טאקע באלד אזא אָנבליק.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. נעהם לעג בעסער אוועק דיא ליולקע מיין ליעבער זוהן. איך וועל דיך דאָ ניט לאָזען רויכערען.

אָ ס וו אַ ל ד. (נעהמט ארויס דיא ליולקע) אויף רעכט. איך האָב דאָס דערזעהן דיא ליולקע האָט זיך מיר פערוואָלט זיא געבען א פרואוו, ווארים איין מאָל, אז איך בין נאָך געווען אַ קינד, האָב איך שוין פון איהר גערויכערט.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. ווער, דו?

אָ ס וו אַ ל ד. נו, יא. איך בין נאָך דאמאלס געווען אַ פּיצעל אינגעלע. אבער איך געדענק נאָך אזוי וויא איצט, וויא איין אבענד בין איך ארויף צום טאַטען אין צימער. ער איז עפּעס דאַן געווען זעהר געהייבען, גאַר בגילופין.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. אַך, וויא קומסטו צו געדענקען יענע צייט?

אָ ס וו אַ ל ד. זאָג דאָס ניט, איך געדענק עס גאַנץ קלאָר. האָט מיך דער טאַטע ארויפגענומען צו זיך אויפ'ן קניע און מיר גענעבען אָט דיא ליולקע צו רויכערען. „נו, חברה־מאַן“, האָט ער זיך צו מיר דאַן אָנגערופען, „רויכער, רויכער, זאָג איך דיר, מיט אַלע כחות.“ און איך האָב גערויכערט און געצויגען אזוי שטאַרק ביז איך האָב דערפיהלט, אַז איך ווער זעהר בלייך און גרויסע טראָפּענס שוויים האָבען גענומען אראָבקאַפּען פון מיין שטערן. דאַן האָט זיך עס דער טאַטע אזוי פריילאַך פאַרנאַנדערגעלאַכט—

מ א נ ד ע ר ס. דאָס איז דאָך אבער געווען זעהר אַ מאָדנע זאַך.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. ליעבער פריינד, גלויבט דאָס ניט, אָסוואלד'ן האָט זיך עס אודאי גע'חלומ'ט.

אָ ס וו אַ ל ד. ניין, מאַמע, איך פערזיכער דיך, דאָס איז ניט קיין חלום. ווארים— דאָס דאַרפסטו דאָך אודאי געדענקען!— דו ביזט דאָך אליין געקומען און האָסט מיך פון דאָרטען אוועק־געטראָגען אין קינדער־שטוב. איך געדענק נאָך, אז איך בין דער־נאָך געווען ניט געזונד, און אז דו האָסט געוויינט.—— וויא איז דאָס, דער טאַטע פלעגט אָפט אָפּטהון אזעלכע שטוקעס?

מ א נ ד ע ר ס. אין זיינע יונגע יאהרען האָט פון איהם דיא לעבענסלוסט געשלאָגען וויא פון אַ קוואַל—

אָ ס וו אַ ל ד. און פון דעסטוועגען האָט דאָס איהם ניט געשטערט ער זאָל אויפטהון אזוי פיעל אויף דער וועלט. אזוי פיעל גוטע און ניצליכע זאכען. און דאָך איז ער געשטאָרבען נאָך גאָר א יונגער.

מ א נ ד ע ר ס. יא, מיין ליעבער אסוואלד אלווינג, איהר האָט גע׳ירשנ׳ט דעם נאָמען פון א גוטען מענשען, וועלכער האָט זיך שטענדיג עוסק געווען אין טובת הכלל. און איך האָף אז דער נאָמען וועט אייך צוגעבען מוטה איהר זאָלט אויך—

אָ ס וו אַ ל ד. דאָס וואָלט גאָר קיין עולה ניט געווען.

מ א נ ד ע ר ס. עס איז זעהר שעהן פון אייך וואָס איהר זייט געקומען צו פאָהרען אויף דעם פאראד וואָס וועט מאָרגען געמאכט ווערען לכבוד אייער פאטער׳ס יאהרצייט.

אָ ס ו ו אַ ל ד. אז מען זאָל שוין אזא קליינינגקייט ניט טהון צוליעב א פאטער!

פ ר ו י א ל ו י נ ג. און איך וועל דאָס איהם דאָ האָבען ביי מיר אזא לאנגע צייט! דאָס איז נאָך בעסער פון אלץ.

מ א נ ד ע ר ס. איך האָב געהערט זאָגען, אז איהר וועט דאָ פערברענגען דעם גאַנצען ווינטער?

אָ ס וו אַ ל ד. איך וויים נאָך ניט אויף בעשטימט, וויא לאנג איך וועל דאָ פערזאמען. איין זאך נאָר וויים איך, אז עס איז א מחיה צו קומען אַ היים צוריק פון דער פרעמד!

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (שטראַהלט פון פרייד) איאָ, אָסוואַלד, ניט וואהר?

מ א נ ד ע ר ס. (קוקט אויף אָסוואַלד׳ן אַזוי וויא מיט רחמנות) פריה זייט איהר אוועק אין דער גרויסער וועלט, מיין ליעבער אָסוואַלד.

אָ ס וו אַ ל ד. אמת, פריה. אָפט איז מיר טאַקע פאָרגעקומען, אז אפשר איז דאָס שוין געווען צו פריה.

פ ר ו י אָ ל ו י נ ג. אָ, זאָג דאָס ניט, אָסוואַלד. פאַר א געזונטען אינגעל איז נאָך בעסער, ער זאָל ניט זיין אין דער היים. איבערהויפט נאָך אז ער איז ביי דיא עלטערן א׳ן איין־איינציגער.

הינטער דער מאַמעס פאַרטוך און אויף דעם טאַטענס קניע מוז אזא אינגעל צולאָזען ווערען.

מ אַ נ ד ע ר ס. דאָס איז זעהר אַ שווערע הלכה, פרוי אלווינג. אזוי גרינג אָפּזאָגען דאָס קען מען ניט. ס'איז דאָ נור איין ריכטיגער פלאַץ פאַר אַ קינד, און דאָס איז טאַטע־מאַמעס שטוב.

אָ ס וו אַ ל ד. אַט אין דעריין דענק איך פונקט אזוי וויא איהר, פּאַסטאָר מאַנדערס.

מ אַ נ ד ע ר ס. אַט נעהמט, למשל, אייער אייגענעם זוהן — מעג מען דאָס איהם זאָגען גלייך אין דיא אויגען — וואָס איז דער פועל יוצא פון זיין וואָהנען אין דער פרעמד? אַט לאָמיר זעהן. ער איז שוין איצט אַ בחור פון אַ יאהר זעכס־זיעבען און צוואַנציג, און דאָך האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געהאַט קיין געלעגענהייט ריכטיג צו זעהן וויא מענשען לעבען אין אַ'ן אָרענטליכער היים.

אָ ס וו אַ ל ד. האָט קיין פאַראיבעל ניט, פּאַסטאָר, אין דעם פּרט האָט איהר אַ גרויסען טעות.

מ אַ נ ד ע ר ס. אזוי אפילו? אבי איך האָב אַלץ געמיינט אז איהר זייט דיא גאַנצע צייט געווען כמעט נאָר צווישען מאַהלערס.

אָ ס וו אַ ל ד. צווישען מאַהלערס, ריכטיג.

מ אַ נ ד ע ר ס. דערהויפּט צווישען דיא אינגערע מאַהלערס.

אָ ס וו אַ ל ד. אוודאי צווישען דיא אינגערע.

מ אַ נ ד ע ר ס. אבי איך האָב אַלץ געמיינט, אז נאָר ווייניגע פון אַט דיא יונגע חברה־לייט קענען בעשטעהן איינצופיהרען אַ בעל הבתישקייט און אויסהאַלטען אַ געזינד.

אָ ס וו אַ ל ד. עס זיינען צווישען זיי פאַראַן פיעלע, מיין הערר, וואָס קענען אפילו קיין חתונה אויך ניט האָבען.

מ אַ נ ד ע ר ס. יע, אַט דאָס איז דאָך טאַקע וואָס איך זאָג.

אָ ס וו אַ ל ד. פון דעסטוועגען קענען זיי דאָך דערקאַזשען צו האָבען אַ היים. און פיעלע האָבען עס טאַקע אויך. און דיא היים איז זיך אַ גאַנץ אנגענעהמע, אַ גאַנץ ליעבע.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (זיא הערט זיך צו מיט אַ פערכאַפּטען אטהעם, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף „יא", אבער זיא זאָגט גאָר ניט.)

מ א נ ד ע ר ס. אבער איך רעד דאָך ניט פון דיא קוואַרטירען וואו דיא יונגע מענשען שטעהען איין. ווען איך זאָג אַ היים, מיין איך דערמיט אַ היים פאר דער גאנצער געזינד, אַ היים וואו דער מאַן וואוינט זיך מיט דער פרוי און מיט דיא קינדער.

אָ ס וו אַ ל ד. יע, אָדער אנדערש גערעדט: מיט דיא קינדער און דיא קינדער'ס מוטער.

מ א נ ד ע ר ס. (גיט זיך אַ כאַפּ, דריקט צוזאַמען דיא הענד) אך, מיין גאָט—!

אָ ס וו אַ ל ד. וואָס איז?

מ אַ נ ד ע ר ס. וויא האָט איהר געזאָגט— דער מאַן וואוינט מיט דיא קינדער'ס מוטער?

אָ ס וו אַ ל ד. יע, וויא דען האָט איהר געוואָלט? ער זאָל זיא אפשר ארויסטרייבען, דיא קינדער'ס מוטער?

מ א נ ד ע ר ס. דאָס הייסט, אז דאָס פּאָר פאָלק לעבט זיך הייסט דאָס גלאַט אזוי זיך, אָהן חופּה וקידושין? וויא דיא חיות, וויא דיא ווילדע אין וואלד?

אָ ס וו אַ ל ד. איך האָב קיינמאָל אין זייער צוזאַמענלעבען קיין שום ווילדקייט ניט בעמערקט.

מ א נ ד ע ר ס. אבער וויא אזוי?— וויא אַזוי קען דאָס אַ יונגערמאַן אָדער א יונגע פרוי, מיט כאָטש מיט אַ ביסעל אַנשטענדיגקייט אין זיך, לעבען אַזאַ לעבען? — גאָר אזוי פראַנק און פריי פאר דער גאַנצער וועלט!

אָ ס וו אַ ל ד. טאָ וואָס־זשע זאָלען זיי טהון? ער איז אַ יונגער אָרימער מאהלער, זיא אַ'ן אָרעמע מיידעל, און חתונה האָבען קאָסט אַ סך געלד, טאָ וואָס־זשע זאָלען זיי טהון, וואָס?

מ א נ ד ע ר ס. וואָס זיי זאָלען טהון, פרעגט איהר? לאָמיך אייך אַקאָרשט דערצעהלען וואָס זיי האָבען בעדארפט טהון. זיי האָבען זיך בעדארפט איינהאַלטען, ניט נאָכגעבען דעם יצר הרע פון אנפאנג אָן; אָט וואָס זיי האָבען בעדארפט טהון.

אָ ס וו אַ ל ד. עט! ביי אַלטע זקנים וועלען אזעלכע רייד האָבען אַ ממשות, אבער ביי יונגע מענשען, מיט וואַרימע בלוט אין די

אָדערען און דערצו נאָך פערליעבטע ביז אריבער דיא אויערן וועלען זיי קיין שום האפט ניט האָבען.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. ניין, קיין שום האפט ניט.

מ א נ ד ע ר ס. (רעדט ווייטער, גלייך וויא מען וואָלט איהם ניט אונטערבראָכען) איך פערשטעה גאָר ניט, וויא אזוי דערלאָזט דאָס דיא פּאָליציי? ערלויבען אזעלכע זאכען בפרהסיא! (צו פרוי אל־ווינג) נו, איצט זעהט איהר שוין, אז איך בין געווען גערעכט ווען איך האָב געזאָגט, אז געזינטער וואָלט געווען, ווען אייער זוהן זאָל ניט זיין אין אויסלאנד? א קליינינגקייט, אז מען דרעהט זיך ארום אין אזעלכע קרייזען וואו עס הערשט אזא אויסגעלאסענהייט. נאָך מעהר, מען נעהמט זיך נאָך יאקבי דערמיט איבער!

אָ ס וו א ל ד. איך קען אייך נאָך דערצעהלען, הערר פּאסטאָר, אז ביי א פּאָר אזעלכע „אונמאָראלישע" פאמיליען פלעג איך זיין א שטענדיגער גאסט אלע זונטאג—

מ א נ ד ע ר ס. אנדערש האָט איך טאקע ניט געלוינט וויא נאָר אום דעם הייליגען זונטאג!

אָ ס וו א ל ד. פאר וואָס־זשע ניט? איז דען ניט זונטאג א טאָג ווען מען דארף האָבען פערגניגען? טאָ זאָג איך אייך, אז קיינמאָל האָב איך דאָרטען ניט געהערט קיין מיאוס'ע רייד. ווער רעדט אז זיי זאָלען עפּעס אָבטהון א זאך געגען דער מאָראל, דאָס האָב איך קיינמאָל ניט געזעהן. ניין, דאָס ניט. ווייסט איהר אבער ווען איך פלעג יא זעהן אויסגעלאסענהייט צווישען דיא מאהלערס?

מ א נ ד ע ר ס. ניין, גאָט צו דאנקען, איך ווייס ניט.

אָ ס וו א ל ד. טאָ הערט־זשע וועל איך אייך זאָגען. דאָס פלעגט זיין דאן ווען דער אָדער יענער פון אונזערע שעהנע בעל הבתים — אָט דיא וואָס שפּילען דאָ דיא ראָלע פון דיא געטרייעסטע מענער אָדער פיינסטע פאטערס, — פלעגט זיך אראָפּכאפּען קיין פּאריז א ביסעל א לעב טהון א טאָג און פלעגט אויך אָנטהון דיא אָרימע קינסטלער דעם כבוד און אראָבלאָזען זיך צו זיי אין זייערע לעבער. אָ.ה., דיא חברה־לייט פלעגט מען שוין גאָר ניט דארפען לעגען קייי פינגער אין מויל. אָט זיי אָ פלעגען אונז דערצעהלען פון

אזעלכע ערטער און זאכען וועגען וועלכע אונז האָט זיך אפילו קיינ־מאָל ניט גע׳חלומ׳ט.

מ א נ ד ע ר ס. וואָס? איהר ווילט מיר איינרעדען, אז בכבוד׳ע מענשען פון אונזערע מקומות וועלען—?

אָ ס וו א ל ד. האָט איהר דען דיזע שעהנע מענשען, ווען זיי קומען אַ היים פון זייערע נסיעות, קיינמאָל ניט געהערט דערצעהלען וויא מורא׳דיג פארשייט מען איז דאָרטען אין אויסלאנד?

מ א נ ד ע ר ס. געהערט, נו איז וואָס?

פ ר ו י א ל וו י נ ג. איך אויך.

אָ ס וו א ל ד. טאָ מענט איהר זיי זיכער גלויבען. זיי זיינען גוטע מבינים אויף דיא זאכען. (ער כאַפּט זיך אָן פאר׳ן קאָפּ) אָך, אזוי גרויסארטיג, פריי און הערליך וויא דאָס לעבען איז דאָרטען, קומען זיי און בעשמוצען עס אויף אזא העסליכען אופן!

פ ר ו י א ל וו י נ ג. מיין זוהן, וואָס דארפסטו זיך אזוי אבעסען דאָס הארץ? דיר קען עס נאָך פערשאטען.

א ס וו א ל ד. יא, מאמע, ביזט גאנץ גערעכט. עס פערשאט מיר טאקע. איך בין עפּעס גאָר אין גאַנצען צובראָכען. איך וועל זיך אַ ווייליע דורכגעהן ביז מיטאג. האָט אויף מיר קיין פּאראיבעל ניט, הערר פּאסטאָר. איך האָב געוואוסט אַפריהער, אז איהר קענט ניט אָננעהמען מיין מיינונג, אבער איך האָב זיך ניט געקענט איינ־האַלטען. (אב דורך דער צווייטער טיהר, רעכטס.)

פ ר ו י א ל וו י נ ג. מיין אָרימער זוהן!

מ א נ ד ע ר ס. איהר מענט דאָס טאקע זאָגען נאָך אַ מאָל. אזוי גאָר? אָט וואוהין ער איז שוין פערפּאָהרען!

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (קוקט אויף איהם אָהן ווערטער)

מ א נ ד ע ר ס. (געהט אום הין און צוריק) יא, ריכטיג. דער פערבלאָנזעטער זוהן. אוי וועה! אוי וועה!

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (הערט אויף איהם ניט אויף צו קוקען)

מ א נ ד ע ר ס. נו, און וויא געפעלט אייך אזא געשיכטע?

פ ר ו י א ל וו י נ ג. איך זאָג, אז אין יעדען וואָרט וואָס אָסוואלד האָט געזאָגט איז ער געווען גערעכט.

מ א נ ד ע ר ס. (האקט זיך פלוצלונג אָב אין גאנג) גערעכט! גערעכט! מיט אזעלכע געדאנקען!

פ ר ו י א ל ו י נ ג. זיצענדיג דאָ די גאנצע צייט איינע אליין, פאסטאָר מאנדערס, בין איך אויך געקומען צו דיזעלבע געדאנקען. מעהר ניט, מיר האָט שטענדיג געפעהלט דער מוטה ארויסצוברענגען עס אויף מיינע ליפען. אבער איצט וועט שוין מיין זוהן פאר מיר ריידען.

מ א נ ד ע ר ס. איך האָב אויף אייך גרויס רחמנות, מאדאם אלווינג. און איצט לאָמיך אייך זאָגען א פּאָר ערנסטע ווערטער. איצט שטעה איך שוין פאר אייך ניט אלס אייער בעל יועץ און דער בעל מתעסק אין אייער צדקה־ארבייט, אפילו ניט אלס אייערער און אייער געשטאָרבענעם מאנ'ס יוגענדפריינד. ניין, איצט שטעה איך דאָ פאר אייך אלס אייער פּריעסטער, אייער גייסטיגער פאטער, דערזעלבער וואָס איז פאר אייך געשטאנען אין יענעם מאָמענט פון אייער לעבען ווען איהר זייט געווען אזוי שרעקליך אראָב פון וועג.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. און וואָס אזוינס וועט מיר דער פּריעסטער זאָגען?

מ א נ ד ע ר ס. קודם כל לאָמיך א ביסעל אָבפרישען אייער זכרון. איצט איז זעהר א פּאסיגע צייט דערפאר. מאָרגען איז דער צעהנטער יאהרצייט נאָך אייער מאנ'ס טויט. מאָרגען וועט ערעפענט ווערען דער יתומים־הויז צו זיין אנדענקען. מאָרגען וועל איך דארפען ריידען פאר א גרויסען עולם. אבער היינט לאָמיך רעדען צו אייך אליין.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אויסגעצייכענט, פאסטאָר מאנדערס, רעדט.

מ א נ ד ע ר ס.- געדענקט איהר יענע נאכט— דאָס איז בסך הכל געווען א קנאפּער יאהר נאָך אייער חתונה— ווען איהר זייט געשטאנען אויפ'ן ברעגעלע פון א'ן אבגרונד? ווען איהר האָט פערלאָזען אייער הויז און אייער היים? ווען איהר זיינט אנט־לאָפען פון אייער מאן? יא, פרוי אלווינג, אנטלאָפען, אנטלאָפען און וויפיעל ער האָט אייך ניט צובעטען און ניט אויסגעצויגען זיך

פאַר אייך האָט איהר פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט אומקעהרען זיך?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. האָט איהר דען פערגייסען וויא אונ־ענדליך אונגליקליך איך בין געוועזן יענעם ערשטען יאהר?

מ א נ ד ע ר ס. און ווער זוכט דאָס גליק דאָ אויף דער וועלט? געזעצטע מענשען זוכען עס ניט. נאָר דיא וואָס האָבען אַ'ן אונ־רוהיגען גייסט, אַ גייסט וואָס בונטעוועט זיך שטענדיג, דיא נאָר זוכען עס גליק דאָ אויף דר'ערד. וואָס פאַר אַ רעכט האָבען מיר, אונווירדיגע מענשעלעך, צו זיין גליקליך? ניין, מיר דאַרפען נור טהון אונזער פפליכט! און אייער פפליכט איז געוועזן ניט אָבצור־טרעטען פון דעם מענשען, וועלכען איהר האָט איין מאָל אויסער־וועהלט צו זיין דער חבר פון אייער לעבען און מיט וועמען איהר זייט געוועזן פערבונדען מיט'ן הייליגען באַנד פון הייראַטה.

פ ר ו י א ו ל י נ ג. אבער איהר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ סאָרט לעבען אלווינג האָט דאַן געפיהרט—, וואָס פאַר אַ הולטאַי ער איז געוועזן!

מ א נ ד ע ר ס. איך ווייס גאַנץ גוט וואָס פאַר אַ מעשיות מען פלעגט זיך דאַן אויף איהם אַנדערצעהלען. און איך בין ווייט ניט דער מענש, וואָס זאָל זאָגען, אַז דער סאָרט לעבען וואָס ער האָט געפיהרט אין זיינע יונגע יאהרען—אויב דאָס אַלץ וואָס מען האָט דאַן געזאָגט איז נור געוועזן אמת—איז געוועזן גוט און פיין. אבער צי קען דען אַ ווייב משפט'ן איהר מאַן? איהר האָט געדאַרפט אונטערטעהניג פערטראָגען דיא צרות וועלכע גאָט האָט אויף אייך אָנגעשיקט פון אייער טובה וועגען. וואָס האָט איהר אבער געטהאָן? איהר האָט, וויא אַ'ן אמת'ער מיאַטעזשניק, גענומען און אראָב־געוואָרפען פון זיך דעם יאָך, פערלאָזען דעם געשטרויכעלטען מאַן וועלכען איהר האָט געדאַרפט אונטערהאַלטען, און איהר זייט אוועק און האָט איינגעשטעלט אין קאָן אייער נאָמען, אייער עהרע — און וואָס זאָל איך דאָ לייקענען — איהר האָט שיער־שיער ניט בעשמוצט אויך דיא עהרע פון אנדערע.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אנדערע? ווער זיינען עס געוועזן דיא אַנדערע? דאכט זיך נאָר דיא עהרע פון נאָך איין פערזאָן?

מאנדערס. עס איז פון אייך געווען דיא גרעסטע משוגעת צו קומען צו לויפען צו מיר נאך שוטץ.

פרוי אלווינג. ביי וועמען דען האב איך עס געזאלט זוכען, אז ניט ביי אונזער פריעסטער, ביי אונזער גוטען פריינד?

מאנדערס. אט דוקא דערפאר האט איהר צו מיר ניט געטארט קומען. יא, איהר מעגט טאקע דאנקען גאט, וואס ער האט מיר געגעבען גענוג כח בייצושטעהן דעם נסיון און איך האב אייך איבערגערעדט איהר זאלט אוועקווארפען אייערע משוגענע פלענער. גאט האט מיר געהאלפען און איך האב אייך צוריק ארויפגעבראכט אויפ'ן דרך הישר און געבראכט צו פיהרען צוריק אהיים צו אייער געזעצליכען מאן.

פרוי אלווינג. יא, פאסטאר מאנדערס, אט דאס אלץ האט איהר טאקע אויפגעטאן.

מאנדערס. איך בין געווען ניט מעהר וויא א שוואכע געצייג אין דיא הענד פון גאט ברוך הוא. אבער, זאגט אליין, איז דען דאס וואס איהר האט מיך דאן געפאלגט און צוריק געווארען שטיל און געדולדיג ניט געוועזן קיין גליק פאר אייך אייער גאנצען לעבען? איז דען ניט מקוים געווארען יעדע ברעקעלע פונקט אזוי וויא איך האב דאן פאראויסגעזאגט? האט זיך דען אלווינג ניט איינגעסטא־לירט און געווארען א ליטישער מענש? האט ער דען פון דאמאלס אן ביז'ן טויט ניט געלעבט מיט אייך שטיל, פיין און ארענטליך? איז ער דען ניט געווארען דער וואהלטהעטער פון דעם גאנצען ארומיגען געגענד? און אייך אליין, האט ער דען אייך ניט אויפ־געהויבען צו זיך, ביז וואנען איהר זייט מיט דער צייט. געווארען זיין העלפערין אין אלע זיינע אונטערנעהמונגען? און דערצו נאך א'ן אויסגעצייכענטע העלפערין — אה, זייט ביי זיך ניט צו קליין, פרוי אלווינג, דעם לויב קען ביי אייך קיינער ניט אוועקנעהמען. אבער ווארט, איצט קום איך צום צווייטען גרויסען פעהל־טריט וואס איהר האט געמאכט אין אייער לעבען.

פרוי אלווינג. וואס מיינט איהר?

מאנדערס. דאס וואס איהר האט פון זיך שוין אמאל

אראבגעוואָרפען דעם יאָך פון א ווייב איז אייך נאָך ווענינ געווען, האָט איהר דערנאָך גענומען און אראבגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון א מוטער אויך.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. אה!

מ א נ ד ע ר ס. אייער גאנצען לעבען זייט איהר געווען בעהערשט פון דעם פערפלוכטען גייסט פון ווידערשפעניגקייט. אייער גאנצער זינען און טראכטען איז נאָר געווען וויא אזוי אויסצוטהון פון זיך דעם יאָך און לעבען וויא א הפקר־מענש. קיינמאָל האָט איהר ניט געוואָלט זיין אין צוים. האָט איהר נאָר בעמערקט אז עפעס א געזעץ, א'ן איינפיהר איז אייך צו שווער, אזוי האָט איהר עס באלד דערלאנגט א שליידער אראב גאָר אָהן מורא, אָהן געוויי־סענסביסע, גלייך וויא עס וואָלט גאָר געווען א פראָסטע, זואָכעדיגע משא. איז אייך נמאס געוואָרען צו זיין א ווייב, האָט איהר גענומען און אנטלאָפען אין פראָטשקעס. דערנאָך האָט איהר זיך ארומ־געזעהען, אז אייך איז ניט גאָר גרינג צו זיין א מאמע, האָט איהר גענומען און איבערגעגעבען אייער קינד צו פרעמדע הענד אין א פרעמדע לאנד.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. יא, ריכטיג, אזוי האָב איך טאקי געטהאָן.

מ א נ ד ע ר ס. און איצט זייט איהר אייער זוהן א פרעמדע.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. ניין! ניין! איך בין איהם ניט קיין פרעמדע.

מ א נ ד ע ר ס. יא, איהר זייט און מוזט איהם זיין א פרעמדע. און וואָס פאר א מענש האָט ער זיך עס איצט אומ־געקעהרט צו אייך? בארעכענט עס נאָר גוט, פרוי אלווינג. אז איהר האָט זעהר פיעל געזינדיגט געגען אייער מאן, האָט איהר שוין איינגעזעהען. אָט האָט איהר אויסגעבויט א יתומים־הויז צו זיין אייביגען אנדענקען. פאר וואָס־זשע זאָלט איהר שוין אויך ניט איינזעהען אייער שווערע זינד געגען אייער זוהן? פיעלייכט איז ער נאָך ניט גאָר קיין פערפאלענער און מען קען איהם נאָך צוריק ארויספיהרען אויפ'ן ריכטיגען וועג? ראטעוועט אייך אליין

און ראַטעוועט דאָס ביסעל וואָס איז אין איהם נאָך ניט אין גאַנצען פערדאָרבען. וואַרים, וואהרהאַפטיג, פרוי אַלווינג (מיט אַ'ן אויפגעהויבענעם צייג־פינגער) איהר זייט זעהר אַ זינדיגע מוטער! דאָס אַלץ האָב איך געהאַלטען פאַר מיין חוב אייך צו זאָגען. (פויזע.)

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. (ריידענדיג לאַנגזאַם און אַנטהוענדיג זיך אַ כח זיא זאָל ניט אַרויספּלאַצען.) אַלזאָ, איהר האָט איצט אָבגערעדט, פּאַסטאָר מאַנדערס, און מאָרגען וועט איהר ריידען צו מיין מאַנ'ס אַנדענקען, שוין פאַר אַ גרויסען עולם. איך וועל מאָרגען ניט ריידען. איצט אבער וועל איך מיט אייך ריידען אָפענהערציג אַזוי וויא איהר האָט ערסט גערעדט מיט מיר.

מ א נ ד ע ר ס. פערשטייט זיך, איהר וועט איצט זיך נעהמען פערענטפערן פאַר וואָס איהר האָט אַזוי געטהאָן—

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. ניין, דאָס ניט. איך וועל בלויז דערצעהלען.

מ א נ ד ע ר ס. לאָמיר הערען.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. דאָס אַלץ וואָס איהר האָט נאָר וואָס געזאָגט וועגען מיר און מיין מאַן און אונזער צוזאַמענלעבען זייט ווען איהר האָט מיך, וויא איהר רופט דאָס, צוריק אַרויפגעפיהרט אויפ'ן דרך הישר, דאָס אַלץ הייבט איהר פון אייגענער ערפאַהרונג לחלוטין ניט אָן צו וויסען. וואָרים פון יענעם מאָמענט אָן איז דאָך אייער פוס מעהר אונזער שוועל ניט אַריבערגעטראָטען, כאָטש איהר זייט אונז געווען אַזא נאָהענטער גוטער פריינד.

מ א נ ד ע ר ס. איהר זייט דאָך באַלד נאָכדעם אַרויסגעפאָהרען פון שטאָדט.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. יאָ, און כל זמן מיין מאַן האָט געלעבט זייט איהר אונז קיינמאָל ניט געקומען געוואָהר ווערען. נאָר שפּעטער ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דער געשעפט מיט'ן יתומים־הויז, דאַן האָט איהר שוין, פערשטעהט זיך, ג ע מ ו ז ט קומען.

מ א נ ד ע ר ס. (עדעל און אונענטשלאָסען) העלענאַ, אויב איהר מיינט מיר דערמיט פּירצוהאַלטען, טאָ פערגעסט נאָר ניט—

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. —אָה, אַז איהר זייט אַ פּריעסטער,

אזא אנגעזעהענער מענש און אז איך בין א פרוי וואָס איז א מאָל אנטלאָפען אין פראַקטשקעס? פערשטייט זיך, פערשטייט זיך, מיט אזא צולאָזענער פרוי איז ווירקליך א סכנה זיך צוזאמענצוטרעפען. ניט אמת?

מ א נ ד ע ר ס. ליעבע העלע— פרוי אלווינג, איהר ווייסט דאָך אליין, אז דאָס איז ניט אמת— איהר מאַכט אָב דיא זאך נאָך טויזענד מאָל ערגער איידער עס איז—

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. מילא נו, זאָל זיין אזוי. אלץ איינס. איך האָב בלויז געוואָלט זאָגען, אז אייער רייד וועגען מיין פער־הייראַטהען לעבען איז אין גאנצען געבויט אויף דערויף וואָס „לייט דערציילען".

מ א נ ד ע ר ס. איך גיב דאָס צו. נו, איז וואָס?

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. איז דעריבער, הערר מאַנדערס, לאָמיך אייך דערציילען דעם אמת. איך האָב זיך פערשוואָרען, אז ווען עס איז זאָלט איהר פון אלץ געוואָהר ווערען, — נאָר איהר איינער.

מ א נ ד ע ר ס. אלזא, וואָס א י ז דער אמת?

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. דער אמת איז, אז מיין מאַן איז געשטאָרבען פונקט אזא הולטאַי וויא ער איז געוועזן זיין גאַנץ לעבען.

מ א נ ד ע ר ס. (ער קען קוים איינשטעהן אויף די פיס. זוכט מיט דיא הענד א שטוהל) וואָס זאָגט איהר?

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. דיא גאַנצע נייינצעהן יאהר נאָך אונזער חתונה איז ער — לכל הפחות אין דער מחשבה און אין רצון — געוועזן פונקט אזא הולטאַי ווי איידער איהר האָט אונז פערהייראַטה.

מ א נ ד ע ר ס. און פאר אזעלכע יוגענד־שטיפערייען, — פאר אזעלכע קליינע עברה'לאך — זאָל שוין אפילו זיין צולאָזענ־קייט — רופט איהר עס איהם אָן הולטאַי?

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. דער וואָרט איז ניט מיינער. דאָס איז אונזער הויז־דאָקטאָר'ס.

מ א נ ד ע ר ס. איך פערשטעה ניט וואָס איהר מיינט.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. פיעל בעסער פאר אייך אז איהר פער־שטעהט ניט.

מ א נ ד ע ר ס. מיר הייבט באלד אָן שווינדלען אין קאָפּ. אייער גאנצער פערהייראטהער לעבען, אייער גליקליכע פעראייניגונג, וויא עס האָט פון אויבען־אויף אויסגעוויזען, איז, הייסט דאָס, גאָר געווען א פערדעקטער אבגרונד!

פ ר ו י א ל ו י נ ג. ניט מעהר. איצט ווייסט איהר שוין.

מ א נ ד ע ר ס. דאָס איז — אָה, עס וועט נאָך אוועק א לאַנגע צייט איידער דאָס וועט זיך מיר פּאַטויפען אין מוח. איך קען דאָס ניט בעגרייפען! מיין קאָפּ בענעהמט עס ניט! אבער פּאָרט וויא אזוי איז דאָס מעגליך געווען? וויא אזוי האָט איהר דאָס אלץ געקענט האַלטען בסוד?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. ניט גרינג איז עס מיר אָנגעקומען. טאָג־טעגליך, אָהן אויפהער, האָב איך זיך צוליעב דעם געמאַטערט, געראַנגעלט זיך. באלד נאָכדעם וויא אָסוואלד איז געבוירען געוואָרען, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אז אלווינג איז אזוי וויא שטאַלנער געוואָרען. אבער ניט לאַנג האָט עס געדויערט. און דאַן האָב איך געמוזט פיהרען א צווייענדיגע מלחמה, א מלחמה אויף לעבען און טויט, אום קיינער זאָל ניט דערגיין וואָס פאר א סאָרט מענש איז דאָס מיין קינד'ס טאַטע. געהאָלפען האָט מיר אויך דער זעלטענער חן וואָס אלווינג האָט געהאט ביי לייטען אין דיא אויגען. עס האָט אויסגעזעהן, אזוי וויא קיינער וואָלט גאָר פון איהם אַנדערש ניט געקענט דענקען וויא נור גוטעס. ער איז געווען איינער פון דיא מענשען, וועמעס מעשים ריהרען גאָר ניט אָן זייער שם. דערנאָך אבער, מאַנדערס, — איך מוז אייך דער־צעהלען ביז'ן סוף — האָט פּאַסירט א זאַך וואָס איז געווען נאָך מעהר אבשייליך וויא אלץ פריהערדיגע.

מ א נ ד ע ר ס. נאָך מעהר אבשייליך?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. איך האָב דאָס אלץ אריבערגעטראָגען, אלץ געשוויגען, כאָטש איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס ער פלעגט צו טהאָן ווען ער פלעגט זיך ארויסכאַפּען פון דער היים. אבער ווען ער האָט גענומען און אריינגעשלעפּט דיא שאַנדע אין שטוב אריין—

מ א נ ד ע ר ס. דאָ אין שטוב?

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. יע, דאָ אין דער היים. אין יענעם צימער אַ (ווייזט אָן אויף דער ערשטער טהיר רעכטס) האָב איך זיך עס צוערשט געבאַפּט. איך האָב דאָרט עפּעס געהאט געטהאָן אַ'ן ארבייט. דיא טהיר איז געוועזן אַ האַלבע אַ'ן אָפּענע. פּלוצלונג דערהער איך וויא אונזער שטוב־מיידעל קומט אריין פון סאָד מיט וואַסער אויף צו בעגיסען אָן יענע בלומען.

מ א נ ד ע ר ס. נו?

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. באַלד איז אלווינג אויך אריינגעקומען. איך הער, ער זאָגט איהר עפּעס אין דער שטיל. דערנאָך הער איך (זיא לאָזט אַרויס אַ קורצען, אָבגעהאַקען לאַך) — אָה, עס קלינגט נאָך איצט אויף אין מיינע אויערען, פּונקט אזוי פּאַסקודנע און לעבערליך וויא דענסטמאָל, — דערנאָך, אַלזאָ, הער איך וויא דיא דיענסט, מיין אייגענע דיענסט־מויד שעפּצעט צו איהם: „לאָזט מיך אָב, הער קאַממערהערר! לאָזט מיך צורוה!"

מ א נ ד ע ר ס. אָה, אלווינג זאָל דאָס זיין אזוי לייכטזיניג! פּע, ניט שעהן. אבער דאָך איז דאָס מעהר ניט געוועזן וויא לייכטזיניגקייט, פרוי אלווינג. נו, האָט ער זיך דאָרטען מיט איהר אַ שטיף געטהאָן. אבער ווייטער איז צווישען זיי גאָר ניט געוועזן, גלויבט מיר אַז ניט.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. גאָר באַלד האָב איך שוין געוואוסט אויף קלאָר וואָס איך האָב בעדאַרפט גלויבען. אלווינג האָט דיא מיידעל געקראָגען און דיא צוזאַמענקונפט זייערע איז אויך ניט אראָב גלאַט, הערר מאַנדערס.

מ א נ ד ע ר ס. (אזוי וויא פערשטיינערט) אַזעלכע זאַכען דאָ אין שטוב! אין אָט דער שטוב!

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. אַ היבשע ביסעל צרות בין איך אויס־געשטאַנען דאָ אין דער שטוב. איך האָב געוואָלט ער זאָל זיך אין דיא אבענדען און אין דיא נעכט ניט ארומשלעפּען איבער אַלע שיינע פּלעצער, האָב איך געמוזט ווערען זיינער אַ גוטער ברודער און פּראַווען מיט איהם זיינע ווילדע פערבאָרגענע הוליאַנקעס

אויבען אין זיין צימער. איך האָב מיט איהם איינע אליין געמוזט צוברענגגען נעכט, אָבקלאַפּען מיט איהם גלעזלאַך, טרינקען מיט איהם און אויסהערען זיינע פּאַסקודנע, אידיאָטישע רייד. און וויא פיעל מאָל האָב איך זיך מיט איהם בעדאַרפט שלאָגען און אריינשלעפּען איהם אין בעט—

מ א נ ד ע ר ס. (גערירט) און איהר האָט דאָס אַלץ געקענט אויסהאַלטען?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. איך האָב דאָס אַלץ געמוזט אויס־האַלטען צוליעב מיין קליינינקען זוהן. אבער דערנאָך אַז איך האָב ערהאַלטען דיא העכסטע בעליידיגונג, ווען מיין אייגענע דיענסט־מויד— דאַן האָב איך זיך פערשוואָרען אז עס מוז נעהמען א סוף. דאַמאַלס האָב איך אריינגענומען דיא לייצעס צו מיר אין דיא הענד— און איך בין געוואָרען בעל הבית'טע איבער איהם, און איבער אַלץ מיט אַנאַנד. דאַן, פערשטייט איהר מיך, האָב איך דאָך שוין אויף איהם געהאַט אַ בייטש און ער האָט שוין מורא געהאַט מיר זיך צו שטעלען אַקעגען. אַט צו יענער צייט האָב איך דאָס אוועקגעשיקט אָסוואַלד'ן אין דער פרעמד. איהם איז שוין דאַן געגאַנגגען דער זיבעטער יאהר, און וויא דער שטייגער איז מיט קינדער, האָט ער זיך אָנגעהויבען צוצוקוקען צו אַלץ און פרעגען קשיות. דאָס האָב איך שוין ניט געקענט אריבערטראָגען. מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס קינד מוז פער'סמ'ט ווערען פון איינ־אָטהעמען דיא לופט פון אַט דער אומריינער שטוב. אַט דערפאַר אָ האָב איך איהם אויסגעריכט פון דאַנען. איצט ווייסט איהר שוין פאַר איין גאַנג פערשטיין פאַר וואָס איך האָב איהם קיינמאָל ניט געלאָזען קומען צופאָהרען אהערצו כל זמן זיין פאטער האָט נאָך געלעבט. קיינער ווייס ניט וויפיעל געזונט דאָס האָט מיך אָב־געקאָסט.

מ א נ ד ע ר ס. יא, א שווער לעבען איז אייך אויסגעפאַלען אויף אייער חלק.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. און איך וואָלט דאָס טאַקי קיינמאָל ניט אריבערגעטראָגען ווען ניט מיין ארבייט. יא, איך מעג זאָגען

אהן בעריהמעריי, אז איך האב געארבייט! אט דיא אלע צוגעקומענע גיטער, דיא אלע נייעסען, דיא אלע ניצליכע איינריכ־טונגען, דורך וועלכע אלווינג האט געקראגען אזא גוטען שם אין גאנצען געגענד— דענקט איהר, אז ער האט געהאט ענערגיע פאר דעם אלעמען? — ער, וועלכער פלעגט אבליגען גאנצענע טעג אויפ'ן קאנאפע און אריינקוקען אין א'ן אלטען האף־קאלענדאר? ניין, איך מוז נאך אייך דערציילען דאס אויך: ווען ער פלעגט זיך אויף א ווייל אבטשוכען, פלעג איך נאך פרואווען ווירקען אויף זיין גייסט און וועקען אין איהם דעם פונק מענשליכקייט. דערנאך ווען ער פלעגט צוריק ארײַבזינקען אין שמוץ און זינד, פלעג איך דערפון טראגען דיא גאנצע לאסט, און ווען ער פלעגט זיך מאטערען פון זיינע פאסקודנע קראנקהייטען און קרעכצען און קלאגען, און פארשעלטען זיך דיא טעג, פלעג איך איהם דארפען ניאנטשען און טרויסטען.

מאנדערס. און צו דיעזען מענשענס אנדענקען האט איהר עס אויפגעשטעלט דעם יתומים־הויז?

פרוי אלווינג. אין דעם ליעגט דיא מאכט פון א אומריינעם געוויסען.

מאנדערס. פון א אומריינעם—? וואס מיינט איהר?

פרוי אלווינג. פארשטייט איהר, מיר האט זיך שטענדיג געדוכט אז ניט קוקענדיג אויף מיין גאנצען שטיקען־זיך, וועט דאך דער אמת אמאל מוזען ארויס וויא בוימעל אויפ'ן וואסער און אלע וועלען אין איהם נעהמען גלויבען. דעריבער האב איך עם בעשלאסען אויפצושטעלען דעם יתומים־הויז אום צו טויטען אלערליי קלאנגען און פערטרייבען יעדען חשד.

מאנדערס. וואס אין וואס, נור אין דעם פרט האט איהר זיכער דערגרייכט אייער צוועק.

פרוי אלווינג. א חוץ דעם האב איך דערביי געהאט נאך אנאנדער מיין. איך האב ניט געוואלט אז אסוואלד, מיין ליעבער זוהן, זאל וואס ניט איז אב'ירש'ענען פון זיין טאטען.

מ א נ ד ע ר ס. הייסט דאָס, אז פאר אלווינגס פערמעגען האָט—?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. יע. דיא געלד וואָס איך האָב פון יאהר צו יאהר אויסגעגעבען אויפ'ן יתומים־הויז בעטרעפט פונקט אזוי פיעל —איך האָב עס בערעכענט אויפ'ן האָר— וויפיעל לייטע־נאנט אלווינג, דער „רייכער חתן", דיא „גלענצענדע פארטיע" האָט געהאט ווען ער איז געשטאנען אין שידוכים.

מ א נ ד ע ר ס. איך פערשטעה ניט קלאָר—

פ ר ו י א ל ו י נ ג. מיט יענע געלד האָט ער דאָך דאָס מיך געקויפט. איך וויל ניט, אז אָט דיא געלד זאָל אריבערגעהן צו אָסוואלד'ן. אלץ וואָס מיין זוהן וועט קריגען וועט ער עס בעקומען פון מיר—

א ס ו ו א ל ד. (דורך דער צווייטער טהיר רעכטס. זיין מאַנטעל און קאַפּעליוש האָט ער איבערגעלאָזט אין קאָרידאָר. פרוי אלווינג געהט איהם אַנטקעגען.)

פ ר ו י א ל ו י נ ג. ביזט שוין דאָ צוריק? מיין ליעבער, זיסער זוהן.

א ס ו ו א ל ד. יא. מען קען דען כאָטש א ווײלע זיין דרויסען אין דעם אייביגען רעגען? אבער איך האָב געהערט אז עס איז שוין פארטיג מיטאג. אָט דאָס איז גרויסארטיג!

ר ע ג י נ א. (קומט אריין מיט אַ פּעקעל אין האַנד פון עסס־צימער.) אָט איז אייך אָנגעקומען עפּעס א פּעקעל, פרוי אלווינג. (דערלאַנגט עס איהר.)

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. (אַ קוק געבענדיג אויף מאַנדערס.) מסתמא דיא געדרוקטע קאָפּיעס פונ'ם לויב־געדיכט פיר דעם מאָרגעדיגען פּאַראַד.

מ א נ ד ע ר ס. המ—

ר ע ג י נ א. עס איז שוין פארטיג מיטאָג.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. זעהר שיין. מיר קומען גלייך. אָט איב'ל נאָר— (פאַנגט אָן פאַרנאַנדערצועפענען דעם פעקעל.)

ר ע ג י נ א. (צו אָסוואַלד'ן) וואָס פאַר א ווייַן ווילט איהר, הערר אַלווינג, העלּלען צי דונקעלען?

אָ ס וו א ל ד. ביידע, פרייַלין ענגסטראַנד.

ר ע ג י נ א. זעהר גוט, הערר אלווינג. (אב אין עסס־צימער.)

אָ ס וו א ל ד. איך וועל איהר געהן העלפען אויפעפענען דיא פלעשער. (אב אין זעלבען צימער. דיא טהיר טהוט זיך אַ וויעג און בלייבט האַלב אָפען.)

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (פערנאַנדערעפענענדיג דעם פּעקעל) יא, איך האָב געטראָפען. אָט איז דער מאָרגעדיגער לויב־געזאַנג, פאַסטאָר מאַנדערס.

מ א נ ד ע ר ס. (מיט צוזאַמענגעלייגטע הענד) מיט וואָס פאַר אויגען וועל איך דאָס מאָרגען האַלטען דיא פעסט־רעדע—!

פ ר ו י א ל וו י נ ג. עט, איהר'ט שוין זיא ניט־איז דורכ־קריכען.

מ א נ ד ע ר ס. (רעדט שטיל כדי מען זאָל ניט דערהערען אין עסס־צימער.) יא, איך וועל שוין מוזען וויא ניט איז זיך אָנטהון א כח, אז ניט וועלען נאָך חלילה בייזע ציינגער עפּעס געוואָהר ווערען.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (זעהר שטיל, אבער פעסט.) איהר זייט גערעכט. דערפאַר אבער נאָכדעם וועט אָט דיא לאַנגע, פּאַסקודנע קאָמעדיע שוין זיין געענדיגט. פון איבערמאָרגען אָן וועט ביי מיר זיין גלייך וויא דער טויטער וואָלט גאָר אין דער הויז קיינמאָל ניט געלעבט. קיינער וועט שוין איצט דאָ מעהר ניט זיין א חוץ מיין זוהן און זיין מאַמע. (פון עסס־צימער דערהערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּ פון אַ'ן איבערגעקעהרטען שטוהל, צו דערזעלבער צייט דערהערט זיך אויך:)

ר ע ג י נ א'ס ק ו ל. (שאַרף אבער שעפּצענדיג.) אָסוואַלד! וואָס טהוסטו! ביסטו משוגע? לאָז מיך אָב!

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (גיט זיך אַ כאַפּ מיט שרעק.) אך! (זיא קוקט מיט משוגענע אויגען אויף דער האַלב־אָפענער טהיר. פון

עסס־צימער הערט זיך וויא אַסוואַלד גיט אַ הוסט און ברומט ארויס אַ ליעדעל און וויא אַ קאָרק שפּרינגט ארויס פון פלאַש.)

מ א נ ד ע ר ס. (דערשראָקען) וואָס אזוינס איז דאָס? וואָס איז געשעהן, פרוי אַלווינג?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (הייזעריג) גייסטער פון יענער וועלט! דיזעלבע אלטע פּאָרעל וואָס איז דאן געשטאַנען דאָרטען אין דער אראַנזשערעע לעבען דיא בלומען.— זיי זיינען אויפגעשטאנען פון זייערע קברים!

מ א נ ד ע ר ס. וואָס רעדט איהר? איז דאָס מעגליך? רעגינא—? איז זיא דאָס—?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. יע. קומט מיט מיר. קיין וואָרט—! (זיא כאַפּט איהם אָן פאר'ן האַנד און וואַקעלדיג גייט זיא מיט איהם אַריין אין עסס־צימער.)

(פ אָ ר ה אַ נ ג.)

צווייטער אקט.

(דערזעלבער צימער)

(איבער'ן לאנדשאפט הענגט נאך אלץ דערזעלבער רעגענדיגער טומאן. מאנדערס און פרוי אלווינג קומען אריין פון עסס־צימער.)

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (נאך אויפ'ן שוועל פון עסס־צימער) ס'זאל אייך וואויל בעקומען, הערר מאנדערס. (דרעהט זיך אום צום עסס־צימער) און דו געהסט גיט אריין אהער, אסוואלד?

א ס ו א ל ד. (פון צימער) ניין, א דאנק, איכ'ל א ווײלע ארוים דרויסען.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. געה זיך טאקע א ביסעל דורך. עס לייטערט זיך דוכט זיך א ביסעל אוים. (מאכט צו די טהיר פון עסס־צימער, געהט צו צום קארידאר־טהיר און שרייט:) רעגינא!

ר ע ג י נ א. (פון הינטער די קוליסען) וואס איז, פרוי אלווינג?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. געה ארונטער אין וואש־שטוב און העלף צוגרייטען דיא בלומען־קראנצען.

ר ע ג י נ א. (פון הינטער דיא קוליסען) אט שוין געה איך, מאדאם.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (ערקונדיגט זיך אויב רעגינא געהט טאקע, דערנאך מאכט זיא צו דיא טהיר.)

מ א נ ד ע ר ס. דאכט זיך ער וועט פון דארטען ניט קענען הערען וואס מיר וועלען דא ריידען?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. וויבאלד דיא טהיר איז פערמאכט, וועט ער ניט קענען. א חוץ דעם גייט ער גלייך ארוים אין דרויסען.

מ א נ ד ע ר ס. איך קען נאך אלץ ניט קומען צו זיך. עס

איז מיר א חידוש וויא אזוי האָב איך דאָס גאָר ביים עסען געקענט דערשלינגען א ביסען.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (סטאַרעוועט זיך צו בעהערשען איהר נערוועזיטעט. געהט ארום הין און צוריק.) דערזעלבער חידוש איז מיר אויך. אבער וואָס הייב איך איצט אָן צו טהון?

מ א נ ד ע ר ס. יע, וואָס הייבט מען אָן צו טהון? עהרענ־וואָרט, איך וויים קיין זאַך ניט, און אזעלכע זאַכען בין איך לחלוטין גאָר ניט געניט.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. איך בין איבערצייגט אז דערווייל איז נאָך צווישען זיי קיין בייז ניט געשעהן.

מ א נ ד ע ר ס. ניין, דער אויבערשטער זאָל אויסהיטען. אבער דיא מחותנה'שאַפט זייערע געפעלט מיר זעהר ניט.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. איך דענק אז דאָס איז ביי אָסוואַלד'ן בלויז א שפּיעלכעל, א קאַפּריז אזא. אָה, איך בין אין דעריין איבער־צייגט.

מ א נ ד ע ר ס. איך האָב אייך שוין איין מאָל געזאָגט, איך בין אין אזעלכע זאַכען גאָר ניט געניט, דאָך בין איך זיכער—

פ ר ו י א ל וו י נ ג. זיא מוז אוועק פון דאַנען. און וואָס שנעלער אלץ בעסער. דאָס איז אזוי קלאָר ווי דער טאָג.

מ א נ ד ע ר ס. געוויס, זיא טאָר דאָ מעהר ניט בלייבען.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. דיא פראגע איז נאָר, וואָהין ריכט מען זיא אוים? אייגענטליך איז דאָך דאָס א קנאַפּער יושר—

מ א נ ד ע ר ס. וואָהין, פרעגט איהר? סטייטש, אהיים צו איהר טאַטען.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. צו איהר וואס?

מ א נ ד ע ר ס. צו איהר— אָה, איך האָב גאָר פערגעסען— ענגסטראַנד איז דאָך גאָר ניט— רבונו של עולם, פרוי אלווינג, אבער דאָס קען דאָך ניט זיין! איהר מוזט דאָ פאָרט האָבען א טעות.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. איך האָב שוין, אז אָך און וועה, גאָר קיין טעות ניט. יאָהאַננאַ האָט זיך פאַר מיר אין אלץ מודה

געוועז— און אלווינג האט עס שוין דאן אויך ניט געקענט לייקענען. און אזוי וויא עס איז שוין געוועזן פערפאלען, האבען מיר קיין אנדער ברירה ניט געהאט וויא צו פערשטיקען דיא געשיכטע.

מאנדערס. ניין, קיין אנדער ברירה איז ניט געוועזן.

פרוי אלווינג. יאהאננא'ן האב איך אויפ'ן שטעל אבגעריכט און געגעבען א שיינע מטבעה זיא זאל קודם כל האלטען מויל. ווייטער האט זיא שוין אליין אבגעארבייט דעם עסק אז זיא האט זיך צוריק בעזעצט אין שטאדט. זיא האט אבגעפרישט איהר אלטע בעקאנטשאפט מיט ענגסטראנד דעם סטאליער, איהם מן הסתם געגעבען צו פערשטיין וויפיעל געלד זיא האט געהאט און איהם איינגערעדט א מעשה מכח עפעס א'ן אויסלענדער וועלכער איז יענעם זומער אהערצו געקומען צו פאהרען אין א יאכט. דערנאך האבען זיי אין גרוים איילענעם אבגעשטעלט א חופה. שא, איהר אליין האט דאך זיי חתונה געמאכט.

מאנדערס. אבער וויא אזוי זאל איך מיר דאס אלץ ערקלערען—? דאכט זיך איך געדענק אזוי גוט וויא ענגסטראנד איז מיך געקומען בעטען איך זאל זיי חתונה מאכען. איך געדענק דאכט זיך אזוי קלאר וויא ארצבגעפאלען ער איז ביי זיך געוועזן און פול מיט חרטה און וויא ביטער ער האט זיך בעשולדיגט פאר זיינע און זיין כלה'ס זינד.

פרוי אלווינג. פערשטעהט זיך; ער האט דאך געמוזט נעהמען דיא שולד אויף זיך.

מאנדערס. אבער ענגסטראנד זאל זיין אזוי פאלש! און נאך צו מיר! אה, איך וואלט זיך דאס אויף יאקאב ענגסטראנד קיינמאל ניט געריכט. ווארט, ווארט, איך וועל איהם שוין גוט אויס'מוסר'ן דערפאר, ער מעג זיך שוין ריכטען פון מיר. היינט שטעלט אייך פאר וויא געמיין אזא פערבינדונג איז! פאר געלד! וויפיעל זאגט איהר, האט איהם דיא מיידעל געגעבען?

פרוי אלווינג. דריי הונדערט טאלער.

מאנדערס. אה, שטעלט אייך נור פאר! פאר לומפיגע

דריי הונדערט טאַליאַרעס האָט ער עס גענומען און חתונה געהאַט מיט אַ געפאַלענער פרוי! אַה!

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. אויב אַזוי טאָ וואָס דאַרפט איהר שוין זאָגען אויף מיר? איך האָב גענומען און חתונה געהאַט פאַר אַ געפאַלענעם מאַן.

מ א נ ד ע ר ס. וואָס הייסט— פרוי אַלווינג!— גאָט איז מיט אייך! וואָס רעדט איהר? אַ געפאַלענער מאַן?

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. וואָס? ניט שוין־זשע גלויבט איהר אַז ווען איך בין מיט אַלווינג׳ן געגאַנגען צום אַלטאַר איז ער כאָטש אויף איין האָר געווען ריינער איידער יאָהאַננאַ איז געווען ווען ענגסטראַנד האָט מיט איהר חתונה געהאַט?

מ א נ ד ע ר ס. עס, אַ פערגלייך אַ ביסעל! דאָס איז דאָך כרחוק מזרח ממערב!—

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. דער חילוק איז גאָר ניט אַזוי גרויס וויא איהר מיינט— סיידען אין דעם פרייז. דאָרטען לומפּיגע דריי הונדערט טאַליאַרעס און דאָ אַ גאַנצער פערמעגען!

מ א נ ד ע ר ס. אַבער וויא אַזוי קענט איהר דאָס גאָר צוגלייכען? איהר האָט דאָך כאָטש געטהאָן וויא אייער הארץ האָט אייך געהייסען, וויא אייער משפחה האָט אייך געהייסען.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. (ניט קוקענדיג אויף איהם) מיין הארץ? אבי איך האָב אַלץ געמיינט אַז איהר האָט פערשטאַנען צו וועמען דאָס וואָס איהר רופט מיין הארץ איז דאַמאַלס געווען צוגעווענדעט.

מ א נ ד ע ר ס. (פערטראַכט) ווען איך וואָלט דאָס כאָטש פיעל ווינציג פערשטאַנען, וואָלט איך דאָך ניט געווען אַזאַ אָפטער איינגעהער ביי אייער מאַן אין שטוב.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. מילא, וויא דיא זאַך זאָל ניט זיין. נאָר יעדענפאַלס, חתונה האָבענדיג פאַר אַלווינג׳ן האָב איך גאָר ניט געטהאָן וואָס מיין הארץ האָט מיר געהייסען.

מ א נ ד ע ר ס. נו, אַז ניט דיא הארץ, איז כאָטש דיא נאָהענטסטע קרובים, אייער מוטער און דיאביידע מוהמעס. און איהר האָט זיי טאַקע געפאָלגט וויא אַ׳ן עהרליך קינד.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. נו, יאָ, דאָס, הערט איהר, איז שוין גראַד אַ'ן אמת. זיי דרייען האָבען עס פאַר מיר געמאַכט דעם גאַנצען חשבון. אָה, עס איז דאָך גאָר נתפעל צו ווערען ווי קלאָר זיי האָבען עס מיר דערוויזען, אז עס וואָלט געווען היילע משוגעת, ניט צו וועלען אזא שידוך. אָה, ווען דיא מאַמע וואָלט נאָר איצט געקענט אַ קוק טהון אויף מיר פון איהר קבר און זעהן וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזען פון דער גאַנצער גדולה!

מ א נ ד ע ר ס. קיינער איז דעריין ניט שולדיג וואָס עס האָט זיך אזוי אויסגעלאָזען. אבער איין זאַך איז דאָך כאָטש קלאָר: אייער הייראַטה איז געווען לויט געזעץ און אָרדנונג.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (שטעהענדיג ביים פענסטער) אָך, יאָ, געזעץ און אָרדנונג! אויף יעדען שריט און טריט, געזעץ און אָרדנונג! אָפטמאָל פאַלט מיר איין, אז אלעאונגליקען דאָ אויף דער וועלט שטאַמען נאָר פון אָט דעם געזעץ און אָרדנונג.

מ א נ ד ע ר ס. פרוי אלווינג, מען טאָר אזוי ניט ריידען.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אבער אז איך מוז, איך מוז אזוי ריידען. איך קען דאָס שוין מעהר ניט אויסהאַלטען; איך קען שוין מעהר ניט אריבערטראָגען דיא גאַנצע פערשטיקטקייט און שרעקעדיגקייט. דאָס איז איבער מיינע כחות. איך מוז מיך ארויסרייסען, בעפרייען זיך.

מ א נ ד ע ר ס. וואָס ווילט איהר זאָגען דערמיט?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (פויקענדיג אויפ'ן געזימס פון פענסטער) עס איז געווען פון מיר דיא גרעסטע נאַרישקייט וואָס איך האָב געהאַלטען פערשטיקט אלווינג'ס ריכטיגען ארט לעבען. נאָר דאַמאָלס האָב איך קיין מוטה ניט געהאַט צו טהון אנדערש. איך האָב מורא געהאַט איך אַליין זאָל דערפון ניט ליידען. אָט אזא מין פייגלינג בין איך עס דאַן געווען.

מ א נ ד ע ר ס. א פייגלינג?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. וואָרים, ווען לייט וואָלטען פון עפּעס געוואָהר געוואָרען, וואָלטען זיי דאָך נאָך איהם נעגעבען געקענט. זיי וואָלטען געזאָגט: „וואָס איז ער נעבאָך שולדיג? אז מען

האָט אַ ווייב וואָס אַנטלויפט אין פּראַטשקעס, מוז מען דאָך ארויס פון דיא האַלאַבליעס".

מ א נ ד ע ר ס. מיינט איהר, אז זיי וואָלטען געוועזן אין גאַנצען אונגערעכט?

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. (קוקט איהם האַרט אָן) ווען איך וואָלט איצט געוועזן אַ מענש וויא עס בעדאַרף צו זיין, וואָלט איך בעדארפט צוגעהן צו אָסוואַלד'ן און זאָגען איהם: „הער צו, מיין זוהן. זאָלסט וויסען זיין, אז דער טאַטע דיינער איז געוועזן אַ הולטאַי, אַ מיאוס'ער בעל עברה'ניק—"

מ א נ ד ע ר ס. גאָט אין הימעל—!

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. —און דאַן דערצעהלען איהם אַלץ וואָס איך האָב אייך דערצעהלט— וואָרט אין וואָרט!

מ א נ ד ע ר ס. אבער, פרוי אלווינג, דאָס איז דאָך אַזאַ שרעקליכער געדאַנק?

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. יע, דאָס ווייס איך. דאָס ווייס איך גאַנץ גוט. איך בין אַליין אויך דערשראָקען פון דעם געדאַנק. (טרעט אָב פון פענסטער) אָה, וואָס פאַר אַ פייגלינג איך בין!

מ א נ ד ע ר ס. פאַרוואָס אַ „פייגלינג"? דערפאַר וואָס איהר ערפילט אייער געוועהנליכע פליכט אלס פרוי און מוטער? ווייסט איהר דען ניט אז אַ זוהן דאַרף ליעב האָבען און עהרליך האַלטען זיין פאַטער און זיין מוטער?

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. וואָס טויג אונז ריידען אין דער וועלט אריין? לאָמיר ריידען פון סידור. פרעגט בעסער אַזוי: דאַרף אָסוואַלד ליעב האָבען און עהרליך האַלטען קאַממערהער אַלווינג, צי ניין?

מ א נ ד ע ר ס. הערט איהר דען ניט אַ שטימע ביי זיך אין הארצען, וועלכע שרייט צו אייך, איהר זאָלט ניט צושטערען אייער זוהנ'ס אידעאַלען?

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. און וואָס איז מכח'ן א מ ת?

מ א נ ד ע ר ס. און וואָס איז מכח דיא אידעאַלען?

פ ר ו י א ל וו י נ ג. אך, דיא אידעאלען! דיא אידעאלען! אָה, ווען איך וואָלט נור ניט געווען אזא פייגלינג!

מ א נ ד ע ר ס. פערזאכט נור ניט אזוי דיא אידעאלען, פרוי אלווינג; היט זיך, זיי וועלען נאָך אָן אייך א מאָל א ביטערע נקמה נעהמען. דערהויפּט היט זיך מיט אייער אָסוואלד׳ן. גאָט ווייסט, דער אָרימער יונג האָט נעבאָך אזוי אויך וועניג אידעאלען. איין אידעאַל אבער האָט ער יא — זיין פאטער שטייט פאר איהם ווי א אידעאַל.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. יא, דאָס איז ריכטיג.

מ א נ ד ע ר ס. און ווער האָט אין איהם איינגעפלאַנצט און אויסגעהאָדעוועט דיזען אידעאַל, אז ניט איהר אליין מיט אייערע בריעף?

פ ר ו י א ל וו י נ ג. איך האָב דאָן אזוי פאַנאַטיש געציטערט טאָמער בין איך חלילה אויף א האָר עובר געגען דער פליכט און דער אנשטענדיגקייט. און דעריבער האָב איך איין יאהר נאָכ׳ן אנדערען מיין קינד אלץ געשטאָפּט מיט ליגענס. אָה, וואָס פאר א פייגלינג, וואָס פאר א פייגלינג איך בין עס געווען!

מ א נ ד ע ר ס. איהר האָט דערמיט אויסגעפלאָכטען ביי אייער זוהן אין הארצען א זיסע פערבלענדעניס. און דאָס איז געוויס קיין קלייניגקייט ניט.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. המ... ווער ווייס דאָס, אויב דיא פערבלענדעניס איז גאָר, נאָך אלעמען, א זיסע —? נאָר ווי עס זאָל דאָרטען ניט זיין, וועל איך איהם ניט לאָזען פערפיהרען עסקים מיט רעגינא׳ן. איך וועל איהם ניט לאָזען זי אונגליקליך מאכען.

מ א נ ד ע ר ס. געוויס ניט. מיין גאָט, דאָס וואָלט דאָך געווען שוידערהאַפט!

פ ר ו י א ל וו י נ ג. אָט ווען איך וואָלט געוואוסט, אז ער מיינט דאָס טאַקע מיט איהר ערנסט און אז דאָס וואָלט איהם געבראַכט גליק —

מ א נ ד ע ר ס. איז וואָס? איז וואָס וואָלט דאַן געווען?

פ ר ו י א ל וו י נ ג. אבער ניין, דאָס קען קיינמאָל ניט

זיין. לײדער איז רעגינא ניט אזא מיידעל מיט וועלכער מיין זוהן וואלט געקענט זיין גליקליך.

מ א נ ד ע ר ס. און אז יא, וואס וואלט געווען? וואס מיינט איהר?

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. ווען איך וואלט ניט געווען אזא שלים־מזל׳דיגער פײגלינג, דאן וואלט איך צו איהם געזאגט: „אדער האב מיט איהר חתונה, אדער מאך מיט איהר אזוי עפעס אב, אבי נאר ניט קיין נארעריי, קיין גנב׳ישע שטיק“.

מ א נ ד ע ר ס. אך, רבונו דעלמא כולה, וואס הייסט איהר וואלט זיי געלאזען ח ת ו נ ה האבען! דאס איז דאך אזוי שוידערהאפט—! אזוי אונערהערט—!

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. א ז ו י א ו נ ע ר ה ע ר ט? און איהר מיינט דאס טאקי ערנסט? וועט איהר דען, פאסטאר מאנ־דערס, ארויפלעגענדיג דיא האנד אויפ׳ן הארצען, לייקענען אז אין גאנצען לאנד וועט זיך אנקלייבען א היבשע ביסעל פאאר פאלקען, וועלכע זיינען איינע מיט דיא אנדערע פונקט אזעלכע נאהענטע קרובים וויא מיין אמוואלד מיט רעגינא׳ן?

מ א נ ד ע ר ס. איך הייב אייך ניט אן צו פערשטיין!

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. אה, איהר פערשטייט מיך שוין גאר גוט.

מ א נ ד ע ר ס. אה, איהר פערדענקט וואס א מאל קען זיך פערלויפען—. יע, יע, אז אך און וועה, דאס פאמיליען־לעבען איז בעוונותינו הרבים, ניט אלע מאל אזוי ריין וויא עס בעדארף צו זיין. דאך דארטען אז עס געשעהט אזא אונגליק, ווייס דאך כאטש דערפון קיינער ניט, יעדענפאלס ניט בעשטימט. אבער דא א— אז אייך א מאמען זאל גאר איינפאלען לאזען אייער זוהן—!

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. דיא צרה איז נאר וואס איך קען דאס ניט— איך קען דאס ניט טהון בשום אופן עולם ניט. אט דאס זאג איך דאך אליין.

מ א נ ד ע ר ס. ניין, איהר קענט ניט. אבער פאר וואס קענט איהר ניט? ווייל איהר זייט, וויא איהר רופט עס אן, א

„פייגלינג“? ווען אבער איהר זייט ניט קיין „פייגלינג“—? גאָט אין הימעל! אזא מין פערבינדונג! דאָס איז דאָך שוידערהאַפט!

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. וואָס איז שייך דערצו, זאָגט מען, אז מיר אַלע שטאַמען פון אזעלכע מינים פערבינדונגען. און ווער האָט עס נור אזוי אוועקגעשטעלט דיא וועלט, פּאַסטאָר מאַנדערס?

מ א נ ד ע ר ס. אין אזעלכע ענינים, פרוי אלווינג, קען איך זיך מיט אייך ניט ארייגלאָזען. איך גלויב קוים אז אייערע געדאַנקען זאָלען זיין גענוג ריין, איך זאָל מיך מיט אייך איצט קענען מתוכח זיין וועגען גאָט ברוך הוא'ס דרכים. אבער דאָס וואָס אייער עהרליך איבערטראַכטען רופט איהר גאָר אָן „פייגהייט“—!

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. לאָמיך אייך דערצעהלען וואָס מיט מיר איז. איך בין עס אזוי אָנגעשראָקען און אונענטשלאָסען, ווייל איך קען קיינמאָל ניט פטור ווערען פון דיא גייסטער פון יענער וועלט, וועלכע יאָגען מיך נאָך.

מ א נ ד ע ר ס. ווער, זאָגט איהר, יאָגט אייך נאָך?

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. גייסטער פון יענער וועלט! אָט פריהער, ווען איך האָב רעגינא'ן און אָסוואַלד'ן דערהערט זיך שפּיעלענדיג אין עסס־צימער, האָט זיך מיר אָבגעדוכט, אז איך זעה פאַר מיר גייסטער. אבער, איך בין באַלד בערייט צו גלויבען, פּאַסטאָר מאַנדערס, אז מיר אַלע זיינען גייסטער. דאָס וואָס מיר האָבען אָבגעירש'ענט פון טאַטע־מאַמע — דאָס איז ניט דער איינציגער דיבוק וואָס זיצט אין אונז. אזעלכע דיבוקים זיינען אויך אַלערליי אַלטע, אָבגעשטאָרבענע מיינונגען, אַלערליי טויטע אַלטע גלויבונגען און דיא גאַנצע משפחה זייערע. אמת, זיי זיינען שוין לאַנג טויט, אבער וואָס איז דיא פּעולה? זיי האָבען זיך אין אונז שטאַרק איינגעגעסען און מיר קענען זיך פון זיי ניט אָבצעפּען. נעהם איך נור לייענען א בלאַט צייטונג, אזוי דאַכט זיך מיר אז איך זעה אָט דיא גייסטער שוועבענדיג צווישען דיא שורות. איבער'ן גאַנצען לאַנד מוזען דיא גייסטער זיין גאָר כחול הים. און דערצו נאָך זיינען מיר אַלע איינע וויא איינע אזעלכע ציטערדיגע האָזען. מיר האָבען פשוט מורא פאַר דער ליכטיגער שיין.

מאנדערס. אה! אַט האַט איהר, פרוי אלווינג, דיא פרוכט פון דיא ביכער וואָס איהר לייענט! שיינע פרוכט, ניטאָ וואָס צו ריידען! אז אָך און וועה וואָס פאר אַ גוטס עס קען שוין ארויסקומען פון דיא פּאַסקודנע ביכלאַך וואָס ריידען על ה׳ ועל משיחו!

פרוי אלווינג. איהר האָט אַ טעות, מיין ליעבער פּאַסטאָר. ניט דיא ביכלאַך, נור איהר אליין האָט דאָס מיך געמאַכט צום דענקען, און פון טיעפען הארצען דאנק איך אייך דערפאר.

מאנדערס. איך!

פרוי אלווינג. יא, איהר. דאָס איז געווען דאמאלס ווען איהר האָט מיך צוריק ארונטערגעשטופּט אונטער דעם יאָך וועלכען איהר האָט אָנגערופען מיין פליכט און חוב, דאמאלס ווען איהר האָט פאר מיר פארלויבט אלס ריכטיג און שעהן דאָס אלץ וואָס איז מיר געווען אזוי אבשייליך, פון וואָס מיין גאנצע נשמה האָט אזוי אָבגעעקעלט. דאמאלס אַ האָט זיך מיר עס פערוואָלט אליין אויספּרובירען אייער תורה. איך האָב זיך געוואָלט ערקונ־דיגען מיט מיינע אייגענע אויגען מיט וואָס פאר אַ נעט זיא איז צוזאמענגענעהט. איך האָב בלויז געוואָלט גוט בעקוקען איין איינציגען קניפּעל, אבער וויא נור איך האָב איהם אָבגעבונדען, אזוי האָבען זיך אָבגעטרענט אלע נעט און איך האָב דערזעהן, אז דער גאנצער בגד איז נור היילע טאַנדעט ארבייט.

מאנדערס. (שטיל, צובראָכען) און איז דאָס אלץ וואָס איך האָב אויפגעטהאָן מיט דער שווערסטער מלחמה פון מיין גאנץ לעבען?

פרוי אלווינג. רופט דאָס בעסער, אייער מיאוסטע מפּלה.

מאנדערס. העלענא, דאָס איז געווען מיין גרעסטער זיעג — דער זיעג איבער מיר אליין.

פרוי אלווינג. ניט קיין זיעג איז עס געווען, נור אַ פערברעכען געגען אונזביידען.

מ א נ ד ע ר ס. וואס? א פערברעכען? דאס וואס דאמאלס ווען איהר זייט אראב פון וועג און געקומען צו מיר מיט א געוויין: „אט בין איך, נעהם מיך צו דיר!" האב איך אייך בעפאהלען און געזאגט: „פרוי, קעהר זיך אום צוריק אהיים צו דיין גזעצליכען מאן!"— איז דען דאס געווען א פערברעכען?

פ ר ו י א ל וו י נ ג. יא, אזוי איז מיין מיינונג.

מ א נ ד ע ר ס. מיר קענען איינער דעם אנדערן ניט פערשטיין.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. יע, א י צ ט שוין ניט.

מ א נ ד ע ר ס. קיינמאל ניט— קיינמאל אפילו אין מיינע פערבארגענסטע מחשבות האב איך אויף אייך אנדערש ניט געקוקט וויא אויף דער פרוי פון א פרעמדען מאנספערזאן.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. אה, אזוי גאר?

מ א נ ד ע ר ס. העלענא—!

פ ר ו י א ל וו י נ ג. אה, ווי גרינג מענשען פערגעסען עס וואס זיי זיינען א מאל געווען!

מ א נ ד ע ר ס. איך פערגעס ניט. איך בין איצט דער זעלבער וואס א מאל.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (אומבייטענדיג דעם טאן) יא, יא, יא; —אבער גענוג שוין צו ריידען פון דאס אמאליגע. איהר זייט איצט אריינגעטהון איבער דיא אויערען אין אייערע חברות מיט דיא קאמיטעטען און איך בין פערנומען מיט מיין מלחמה געגען דיא גייסטער, סאי געגען דיא וואס זיינען אין מיר און סאי געגען דיא וואס געפינען זיך ארום מיר.

מ א נ ד ע ר ס. דיא וואס געפינען זיך ארום אייך, דיא וועל איך אייך העלפען פערטרייבען אין זייער רוה אריין. יא, נאך דיא אלע שרעקליכע זאכען וואס איך האב זיך דא אנגעהערט, טאר איך דיא עלענדע מיידעל מעהר ניט איבערלאזען ביי אייך אין שטוב, מיין געוויסען דערלאזט דאס מיך ניט.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. דענקט איהר ניט אז עס וואלט געווען דיא גלייכסטע זאך אז מיר זאלען זיא ברענגען צו עפעס א תכלית?

—איך מיין, אז מיר זאָלען מיט איהר טהון עפּעס א רעכטען שידוך?

מ א נ ד ע ר ס. אודאי. איך דענק אז דאָס וואָלט פּאַר איהר געווען דיא גלייכסטע זאַך אין יעדען פּרט. רעגינא איז איצט פּונקט אין דיא יאהרען ווען— אמת, איך בין ווייניג געניט אין אזעלכע זאכען, אבער—

פ ר ו י א ל וו י נ ג. רעגינא האָט זיך זעהר פריה ענט־וויקעלט.

מ א נ ד ע ר ס. יע, ניט אמת? מיר דוכט, אז זיא איז שוין געווען מערקווירדיג ענטוויקעלט אין גוף נאָך אין דער צייט ווען איך האָב זיא פאָרבערייטעט פיר איהר בר מצוה*) דערווייל אבער איידער וואָס ווען מוז זיא געהן צוריק אהיים, אונטער איהר טאַטענס השגחה—. נאַר, אָה, ענגסטראַנד איז דאָך גאָר ניט— אה, ענגסטראַנד, ע נ ג ס ט ר א נ ד זאָל דאָס פון מיר אזוי בעהאַלטען דעם אמת! (עמיצער קלאַפּט אין טהיר פון קאָרידאָר.)

פ ר ו י א ל וו י נ ג. ווער קען דאָס זיין? קומט אריין! (ע נ ג ס ט ר אַ נ ד, יום טוב'דיג אָנגעטהאָן. ער בלייבט שטעהן לעבען שוועל)

ע נ ג ס ט ר א נ ד. איך בעט אייך, האָט אויף מיר קיין פאַראיבעל ניט, אבער—

מ א נ ד ע ר ס. אה, המ—

פ ר ו י א ל וו י נ ג. דו ביזט עס, ענגסטראַנד?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. נעהמט ניט פאַר אומגוט, וואָס איך בין אזוי פור־פלאַט אריינגעקומען. דיא דיענער זיינען ניטאָ אין הויז, האָב איך זיך דערוואָגט און א קלאַפּ געטהאָן.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. נו, איז וואָס איז דאָרטען? קום אריין. ווילסט מיט מיר עפּעס ריידען?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. (טרעט צו נעהנטער) איך דאַנק אייך

---

*) די קריסטליכע צערעמאָניע „קאָנפירמאַציאָן", וועלכע מען פּראַ־וועט מיט קינדער פון עלף יאהר. דיא קינדער ווערען עס דאַן „אריינ־גענומען אין דער קירכע".

טויזענד מאָל. איך האָב זעהר געוואָלט ריידען אַ פּאָר ווערטער מיט דעם הערר פּאַסטאָר.

מ א נ ד ע ר ס. (געהט אום הין און צוריק) המ— אזוי גאָר! מיט מיר, הייסט עס, ווילסטו ריידען?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. איך וואָלט גערן— —

מ א נ ד ע ר ס. (שטעלט זיך אַנידער גלייך אַנקעגען איהם) נו און וואָס אזוינס האָסטו געוואָלט?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. פערשטעהט איהר מיך, הערר פּאַסטאָר. געקומען בין איך אַט צוליעב וואָס. מען האָט זיך איצט מיט אונז דאָרטען אָבגערעכענט, אונז אָבגעצאָהלט— טויזענד דאַנקען אייך, בעל הבית׳טע.— איז איצט, געלויבט דער אויבערשטער, אַז דיא ארבייט איז שוין אראָבגע׳פּטר׳ט, איז מיר איינגעפאלען אַז עס וואָלט געווען אַ יושר, אַז מיר, וואָס האָבען אַלע געארבייט אינ־איינעם דיא גאַנצע צייט אזוי עהרליך, זאָלען זיך אויך צוגיין אזוי וויא עס פּאַסט פאר קריסטען— דאָס הייסט, עס איז מיר איינגעפאלען אַז מיר זאָלען היינט ביי־נאַכט מאַכען אַ מנין און אָבדאַנקען דעם השם יתברך.

מ א נ ד ע ר ס. אַ מנין? דאָרטען אין יתומים־הויז?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. אָה, הערר פּאַסטאָר, איך בין דאָס בלויז געקומען פרעגען—אויב איהר דענקט, אַז עס איז ניט רעכט—

מ א נ ד ע ר ס. געוויס איז עס רעכט, ווי דען!— אבער— המ—

ע נ ג ס ט ר א נ ד. ביז איצט בין איך אליין געווען געוואוינט פאָרצוזאָגען דיא תפלה אַלע אבענד.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. טאַקע?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. דאָס הייסט, פון צייט צו צייט. פער־שטייט זיך ניט וויא אין קלויסטער, נור עפּעס אזוי זיך אַ שטיקעל גאָטעס־דיענסט. וואָרים ווי קום איך צו אזעלכע זאַכען? מישטיינס געזאָגט, איך בין דאָך נור אַ פּראָסטער מענשעלע און דער אויבערשטער האָט מיך ניט געבענשט מיט קיין לומדות.

איז מיר איינגעפאלען אז וויבאלד דער הערר פּאסטאָר מאַנדערס איז שוין דאָ, וועל איך—

מ א נ ד ע ר ס. פערשטייסטו מיך, ענגסטראנד, איך מוז דיך צוערשט פרעגען א פראגע. דענקסטו, אז דיינע געדאנקען זיינען איצט געגוג ריין, וויא עס פּאסט פאר אַ קריסט איידער ער געהט מתפלל זיין צו גאָט? האסטו תשובה געטהאָן? איז דיין געוויסען ריין?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. אָה, הערר פּאסטאָר, זאָל אונז גאָט מוחל זיין דיא עברות יעדען איינעם! לאָמיר בעסער ניט ריידען פון געוויסען.

מ א נ ד ע ר ס. יא, אבער גראדע וועגען דעם מוזען מיר איצט ריידען. איז וואָס פאר א'ן ענטפער גיסטו אויף מיין פראגע?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. ס'הייסט— דער געוויסען, הערר פּאסטאָר — עס קען טאקע צייטענווייז טרעפען אז דער געוויסען זאָל זיין גאָר ניט ריין, הערר פּאסטאָר.

מ א נ ד ע ר ס. אהא, דו ביזט שוין מודה כאָטש אויף אַזוי פיעל! נו, ועסטו איצט גיין ווייטער אויף דעם וועג, אויפ־עפענען פאר מיר דיא גאַנצע הארץ און דערצעהלען מיר דעם אמת וועגען רעגינא'ן?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (האסטיג) הערר מאַנדערס!

מ א נ ד ע ר ס. (איינגעהמענדיג זי) לאָזט מיך קאָרשט, לאָזט מיך—

ע נ ג ס ט ר א נ ד. וועגען רעגינא'ן! יאָזום! אַ, איהר האָט מיך אַזוי דערשראָקען! (טהוט אַ קוק אויף פרוי אַלווינג) וואָס הייסט, עס איז דען מיט איהר חלילה עפּעס געשעהן?

מ א נ ד ע ר ס. לאָמיר האָפען אז ניט. נאָר איך מיין, ווי איז דאָס דער אמת וועגען דיר מיט רעגינא'ן? דו גיסט זיך אָן פאר איהר פאטער, הא?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. (מיט אַ ניט־זיכערען טאָן) מילא— הם—

מה נאמר ומה נדבר, דער הערר פּאַסטאָר ווייס דאָך אַלץ וועגען מיר און יאָהאַננאַ'ן נעבאָך.

מ א נ ד ע ר ס. נו, נו, רייד דאָך מיט מיר גלייך. דעם מאָל וועלען שוין דיינע דריידלעך ביי מיר ניט אָנגעהן. זאָלסט וויסען זיין, אז איידער דיין ווייב איז אוועק פון פרוי אַלווינג, האָט זיא דערצעהלט פאר איהר דיא גאנצע געשיכטע.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. אויב אזוי, טאָ מעג זיא דאָרטען—! נע, זי האָט דאָס טאַקע דערצעהלט?

מ א נ ד ע ר ס. הייסט דאָס, ברודער ענגסטראַנד, אז איך האָב דיך געפּאַקט, הא?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. אבער, סטייטש, זיא האָט דאָך פאר מיר געשוואָרען, געשוואָרען ביי דער תורה —

מ א נ ד ע ר ס. טאַקע ביי דער תורה?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. ניין... ניט ביי דער תורה, נאר אזוי. אבער זיא האָט דאָך געשוואָרען אזוי ערנסט.

מ א נ ד ע ר ס. און דו האָסט פון מיר אזוי פיעל יאהר בעהאַלטען דעם אמת? בעהאַלטען דעם אמת פון מיר! פון מיר, וועלכער האָט דיר געגלויבט מיט'ן גאַנצען הארצען, געגלויבט דיר אין יעטווידער זאַך—

ע נ ג ס ט ר א נ ד. וואס זאָל איך דאָ לייקענען?...

מ א נ ד ע ר ס. נו, זאָג דו אליין, ענגסטראַנד—, האָב איך דאָס ביי דיר אזוי פערדיענט? בין איך דען ניט געווען שטענדיג בערייט דיר צו העלפען אין וואָרט און אין טהאַט, ווערדליג עס איז נאָר געווען מיין מעגליכקייט? ענטפער מיר! איז דאָס ניט אמת?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. יא, אמת, הערר פּאַסטאָר מאַנדערס. ווען ניט איהר וואָלט מיר טאַקע א סך מאָל געווען ביטער און פינסטער.

מ א נ ד ע ר ס. איז אָט אזוי דאנקסט דו דאָס מיר אב פאר אַלצדינג! דורך דיר האָב איך אריינגעשריבען א ליגען אין דעם קלויסטערשען פּנקס און דו לאָזט מיך איין יאהר נאָכ'ן אנדערען לעבען אין טעות און דערציילסט מיר ניט אַלץ, וויא דיין חוב איז

פאר מיר און פאר דער וואהרהייט. איך זעה גאָר פאר דיר קיין שום ענטשולדיגונג ניט, ענגסטראנד; און פון היינט און ווייטער איז צווישען אונז אַלץ אויס!

ע נ ג ס ט ר א נ ד. (מיט א זיפץ) יע, הפּנים אז אזוי מוז עס זיין.

מ א נ ד ע ר ס. אדרבא, טאָמער האָסטו עפּעס פאר וואָס מען קען אויף דיר מלמד זכות זיין?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. האָב איך זיך דען געקענט ריכטען, אז לא די וואָס זיא האָט נעבאָך געזינדיגט, וועט זיא נאָך געהן און דערצעהלען וועגען דעם מעשיות? אָט נעהמט, הערר פּאסטאָר, און שטעלט אייך פאָר, אז מיט אייך טרעפט זיך אזא אומגליק וויא מיט יאָהאַנאַ'ן נעבאָך—

מ א נ ד ע ר ס. מיט מיר!

ע נ ג ס ט ר א נ ד. גאָט איז מיט אייך, וויא איהר האָט זיך דערשראָקען! איך מיין ניט פּונקט דערזעלבער אונגליק. איך מיין אז ווען דער הערר פּאסטאָר וואָלט געהאט עפּעס מיט וואָס זיך צו שעהמען פאר דער גאנצער וועלט, וויא מען זאָגט— הערר פּאסטאָר, מיר מאַנסבילען טאָרען א זינדיגע פרוי ניט אור־טהיילען צו שטרענג.

מ א נ ד ע ר ס. האָסטו דען מיך געהערט ארויסגעבענדיג אזא אורטהייל? דאָס האָלט איך דאָך גאָר דיר פיהר.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. וועט איהר מיר ערלויבען, הערר פּאסטאָר, איך זאָל מיך דערוואגען פרעגען ביי אייך א שטיקעלע, א ברעקעלע פראגע?

מ א נ ד ע ר ס. געוויס, פרעג, פרעג.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. איז עס דען ניט גוט און רעכט פאר א מענשען אויפצוהייבען דיא געפאַלענע?

מ א נ ד ע ר ס. זיכער, זיכער.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. און איז דען ניט א מענש מחויב צו האַלטען וואָרט ובפרט נאָך א שבועה?

מ א נ ד ע ר ס. וואָס הייסט, ווי דען־זשע? אבער—

ע נ ג ס ט ר א נ ד. ווען יאָהאַננאַ׳ן האָט געטראָפען דער אומגליק, אָט דורך יענעם ענגלענדער, אָדער אמעריקאנער, אָדער גאָר רוס, וויא מען רופט זיי דאָרט— איז זיא דעמאָלט, הייסט עס, געקומען צו מיר אין שטאדט. נעבאך! פריהער אז איך פלעג צו איהר קומען, האָט זיא מיר, זאָל זיא מיר מוחל זיין, ניט איינמאָל געגעבען דעם דרך. אָנקוקען האָט זיא ניט געקענט עפּעס א זאַך וואָס איז געווען ניט שעהן, און איך האָב דאָך מיין קאָליקע פּוס. איהר געדענקט דאָך נאָך מסתמא, הערר פּאַסטאָר, אז איך האָב זיך א מאָל אַסמעליעט ארויפצוגעהן אין א טאַנץ־זאאַל, וואו מאַטראָזען האָבען גע׳שכור׳ט און אָבגעטהאָן, וויא מען זאָגט, אַלערליי מעשים תעתועים. איז ווען איך האָב זיי א ביסעל גענומען מוסר׳ן, אז זיי זאָלען אוועקוואַרפען דיא זינדיגע—

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (ביים פענסטער) המ—

מ א נ ד ע ר ס. איך וויים דיא גאַנצע געשיכטע, ענגסטראנד. דו האָסט דאָס מיר שוין דערציילט. דיא הפקר־יונגען האָבען דיך אראָבגעוואָרפען פון דיא טרעפּ.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. מיינט ניט חלילה וחס, אז איך גרוים זיך דערמיט, הערר פּאַסטאָר. איך האָב אייך נאָר געוואָלט דער־ציילען, אז ווען זיא איז צו מיר געקומען און האָט זיך פאַר מיר אין אַלץ מודה געווען מיט א געוויין און מיט א ציין־קריצעריי *) וויא אין הייליגע ספרים שטייט געשריעבען, הערט איהר, הער׳ר פּאַסטאָר, דיא גאַנצע הארץ האָט זיא מיר צוריסען.

מ א נ ד ע ר ס. דו זאָגסט דאָס טאַקע אמת, ענגסטראנד? נו, דערצייל, דערצייל ווייטער.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. דאַן נעהם איך און רופ זיך צו איהר אָב אזוי: „יאָהאַנאַ“, זאָג איך צו איהר, „מילא דער אמעריקאנער, ער וואַנדערט דאָך אַרום איבער דעם מורא׳דיגען ים. דו אבער, זאָג איך, דו האָסט זעהר שווער פערזינדיגט פאַר גאָט, און דו ביזט א פערלאָרענע בעשעפענים. אבער יאַקאָב ענגסטראנד, זאָג איך צו

*) אַ׳ן אָפּטער אויסדרוק אין „ברית חדשה“.

איהר, איז גאָט זיי דאַנק נאָך ניט קיין געפאַלענער, יאַקאָב ענגסטראַנד שטייט נאָך אויף געזונטע צוויי פיס— פערשטייט זיך, הערר פאַסטאָר, דאָס איז נאָר ווערליג אַ משל, וואָרים איך האָב דאָך דיא קאַליקע פוס—

מ א נ ד ע ר ס. איך פערשטעה, איך פערשטעה. נו, ווייטער?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. און אָט אזוי אַ, הערר פאַסטאָר, האָב איך זי אויפגעהויבען און צוריק געמאַכט זיא פאר אַ'ן עהרליכע פרוי, אַז לייט זאָלען גאָר ניט וויסען, אַז אויסלענדער האָבען מיט איהר געמאַכט מחזקות און זיא איז דורך זיי געשטרויכעלט געוואָרען.

מ א נ ד ע ר ס. איך מוז דיר זאָגען, ענגסטראַנד, אַז אַלץ דאָס איז געווען זעהר פיין פון דיר. איין זאַך נור געפעלט מיר ניט. וויא אַזוי האָסטו געקענט זיין אזוי ניעדריג און נעהמען געלד—

ע נ ג ס ט ר א נ ד. געלד גאָר? איך? אפילו אַ גראָשען אויך ניט?

מ א נ ד ע ר ס. (קוקענדיג פראַגענד אויף פרוי אלווינג) אבער—

ע נ ג ס ט ר א נ ד. אָה, וואַרט אויס אַ רגע! — יאַ, איך האָב מיך דערמאָנט. יאָהאַננאַ האָט טאַקע יאַ געבראַכט עפּעס אַ ביסעל געלד. אבער איך האָב זיך צו דעם גאָר ניט געוואָלט צורירען. „ניין“, זאָג איך איהר, „דאָס איז עבודה־זרה־געלד, דאָס איז דיא געצאָהלט פאר דיין זינד. דיא אומריינע געלד“— און אפשר איז דאָס גאָר געווען זילבער אָדער גאָר פאַפּיר־געלד—זאָג איך, „לאָמיר דאָס נעהמען און אַוועקשליידערען דעם אַמעריקאַנעם צוריק אין פנים“. נאָר געה שליידער, אַז דער אמעריקאַנער, הערר פאַסטאָר, איז שוין געווען אוועקגעפאָהרען, ער האָט זיך שוין געטראָגען איבער'ן שטורמדיגען ים.

מ א נ ד ע ר ס. אַזוי, איז ער שוין טאַקע געווען אוועקגעפאָהרען? אָה, דו גוטע זעעלע!

ע נ ג ס ט ר א נ ד. יאַ, הערר פאַסטאָר. איז ביי אונז געבליעבען, ביי מיר און יאָהאַננאַ'ן הייסט עס, אַז דאָס געלד זאָלען מיר אין גאַנצען פערווענדען אויף צו בילדען רעגינאַ'ן. און אזוי

האָבען מיר טאַקי געטהאָן אויך, זאָל מיר אזוי גאָט העלפען. איך קען אייך אפילו אָבגעבען חשבון פון יעטווידען גראָשען.

מ אַ נ ד ע ר ס. אויב אַזוי איז דאָך גאָר אַ'ן אנדער מין געשיכטע.

ע נ ג ס ט ר אַ נ ד. אַט אַזוי איז דאָס געווען, הערר פּאַסטאָר, פּונקט וויא איך האָב אייך דערציילט. און איך שטעל מיך אונטער צו זאָגען, אז איך בין רעגינאַ'ן נעבאָך געווען א געטרייער טאַטע, וויא ווייט נור מיינע שוואכע כחות האָבען געטראָגען. ווארים, מישטיינס געזאָגט, וואָס בעטרעף איך אין גאַנצען?

מ אַ נ ד ע ר ס. נו, נו, מיין ליעבער ענגסטראַנד—

ע נ ג ס ט ר אַ נ ד. יא, איך שטעל מיך אונטער צו זאָגען, אז איך האָב דאָס קינד אויסגעהאָדעוועט און האָב אָרענטליך געלעבט מיט יאָהאַננאַ נעבאָך און איך האָב אויף זייביידען השגחה געגעבען וויא אין דיא הייליגע ספרים שטייט געשריעבען. אבער אז איך זאָל גאָר נעהמען און קומען צו אייך און זיך פאַר אייך אויסבעריהמען מיט מיינע אָרימע מעשים טובים, וויא איינער זאָגט: איהר ניט קוקט וואָס איך בין אזא קליינער מענשעלע, ניש־קשה, איך האָב אויך עפּעס גוטעס אויפגעטהאָן אויף מיין לעבען— פע, דאָס ניט! חלילה! ווען יאַקאָב ענגסטראַנד טהוט שוין יא אַ מאָל אין אַ שמיטה אָב אַזאַ שטיקעל ארבייט, שווייגט ער וועגען דעם וויא אַ פיש. און צוריק שמועסענדיג, ווען זעה איך אייך? אז עס מאַכט זיך מיר שוין יא אַ מאָל דיא געלעגענהייט מיט אייך זיך דורכצורייידען, איז דאַן אז אָך און וועה, פאַראַן גענוג צו דערציילען וועגען מיינע זינד און שוואַכקייטען. וואָרים איך זאָג אַלע מאָל, אַזוי וויא איך האָב אַט ערשט געזאָגט, הערר פּאַסטאָר, אז דער געוויסען איז צייטענווייז גאָר ניט ריין, הערר פּאַסטאָר.

מ אַ נ ד ע ר ס. אָה, גיעב מיר דיין האַנד, יאַקאָב ענגסטראַנד.

ע נ ג ס ט ר אַ נ ד. אָה, יעזוס, הערר פּאַסטאָר—

מ אַ נ ד ע ר ס. נו, נו, מאַך זיך דאָך ניט אזוי קליין. (דריקט איהם שטאַרק דיא האַנד) אַט אַזוי אַ!

ע נ ג ס ט ר א נ ד. און אז איהר וועט נאָך אזוי גוט זיין און וועט מיר מוחל זיין—

מ א נ ד ע ר ס. איך זאָל דיר מוחל זיין? פערקעהרט, איך דאַרף דאָך גאָר דיך מחילה בעטען—.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. גאָט איז מיט איך, הערר פאַסטאָר, וואָס רעדט איהר!

מ א נ ד ע ר ס. אָה, יא. און איך בעט דיך טאַקע פון טיעפסטען הארצען: זיי מיר מוחל! זיי מיר מוחל וואָס איך האָב דיך אזוי שלעכט פערשטאַנען. מיך פערדריעסט נאָר וואָס איך קען דיר איצט ניט איבערצייגען, וויא טיעף איך האָב אויף דערויף חרטה און וויא גוט מיין הארץ איז צו דיר—

ע נ ג ס ט ר א נ ד. איהר וואָלט דאָס טאַקע וועלען, הערר פאַסטאָר?

מ א נ ד ע ר ס. מיט'ן גאַנצען הארצען.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. אויב אזוי, הערר פאַסטאָר, טאָ האָט איהר איצט דיא בעסטע געלעגנהייט דאָס צו דערווייזען. פון דער ארבייט דאָ אין יתומים הויז האָט זיך ביי מיר אָבגעשטעלט א פּאָר טאַלער. איז מיר איינגעפאַלען פאר'ן געלד אויסצובויען אין שטאָדט א הכנסת אורחים פאר מאַטראָזען.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. דו ווילסט בויען א הכנסת אורחים?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. יע. דאָס וועט איך, הייסט דאָס, זיין, קען מען זאָגען, א מין יתומים־הויז. אָה, ווען דיא מענשען וואָס וואַנדערען ארום איבער ימים, שטעלען נור ארויף א פוס אויף דער יבשה, איז פאר דעם יצר הרע זעהר גרינג זיי צו פערפיהרען. אבער אין מיין הכנסת אורחים, שטעל איך מיך אונטער צו זאָגען, וועט א מאַטראָז זיין זיכער וויא אונטער דער השגחה פון א'ן אייגענעם טאַטען.

מ א נ ד ע ר ס. נו, פרוי אלווינג, ווי געפעלט אייך אזא זאַך?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. הלואי זאָל מיר נאָר דער אויבערשטער געבען כח דאָס אַלץ אויסצופיהרען, וואָרים מיין ביסעל קאַפּיטאַל

איז גאָר ניט גרויס. נור ווען עס זאָל זיך מאַכען עפּעס איינער וואָס זאָל מיר העלפען—

מאַנדערס. אודאי, אודאי. מיר וועלען שוין זעהן וועגען דעם. דיין פּלאַן געפעלט מיר זעהר. אבער איצט געה זיך דיר אהינצו אין יתומים־הויז און מאַך אלץ פערטיג פאַר'ן געבעט. צינד אָן ליכט און מאַך אז דער אָרט זאָל אויסקוקען א ביסעל יום טוב'דיג. דאן וועל איך אונטערקומען און מיר וועלען דאָס פאַרברייגנען אַ שטונדע אין געבעט און אין ערנסטע רעיונות. אָט איצט אָ, ענגסטראַנד, זעהסטע, זיינען דיינע געדאַנקען גענוג ריין, וויא עס פאַסט איידער מען געהט תפלה טהאָן צו גאָט.

ענגסטראַנד. יאָ, הערר פּאַסטאָר, איך האָף צום אויבערשטען, אז איצט זיינע מיינע געדאַנקען ריין. און איצט, בעל הבית'טע, זייט מיר געזונד. א דאנק אייך פאַר אייער ברויט און זאַלץ. און איך בעט אייך, גיט דאָ אכטונג אויף רעגינאַ'ן. (ווישט אָב אַ טרער.) יאָהאַננאַ, עליה השלום'ס, קינד. הם, איך קען דאָס גאַר אויף אזוי פיעל ניט פערשטיין. דאַכט זיך, וואָס איז זי מיר? און דאָך איז זיא מיר איינגעבאַקען אין הארצען. יאָ, יאָ, אזוי איז עס. (פערנייגט זיך און געהט אָב דורכ'ן קאָררידאָר־טהיר.)

מאַנדערס. נו, פרוי אלווינג, וואָס זאָגט איהר איצט אויף אָט דעם מענשען, אַה? ווער איהר אפשר לייקענען, אַז איצט האָט דיא געשיכטע בעקומען גאָר אַנאַנדער פּנים?

פרוי אלווינג. געוויס, גאָר קיין צווייפעל.

מאַנדערס. דאָס ווייזט אייך נאָר וויא ווייט פאָרזיכטיג אַ מענש דאַרף זיין ווען ער אורטהיילט וועגען אַ צווייטען. דערפאַר הערט איהר, איז עס אַ'ן אמת'ע פרייד, ווען מען געפינט אויס, אַז דענקענדיג וועגען אַ מענשען שלעכטס, האָט מען געהאט אַ טעות וועגען איהם. דענקט איהר ניט אזוי?

פרוי אלווינג. איך דענק, מאַנדערס, אַז איהר זייט געוועזען אַ גרויסעס קינד און אַ גרויסעס קינד וועט איהר שוין בלייבען אייער גאַנץ לעבען.

מאַנדערס. איך?

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. (אַרויפלעגענדיג איהרע הענד אויף זיינע אַקסלען) און ווייטער ווילט זיך מיר אַט אַזוי נעהמען און אַרומ־נעהמען אייער האַלז און אייך גוט אַנקושען.

מ א נ ד ע ר ס. (רוקט זיך פון איהר שנעל אב.) טהוט עס ניט, טהוט עס ניט! גאָט בעוואהר! איהר זייט חלילה פון זינען אַראָב, צי וואָס?!

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. (שמייכעלט) אבער, וואָס האָט איהר פאַר מיר אַזוי מורא?

מ א נ ד ע ר ס. (שווין ביים טיש.) עפּעס צייטענווייז האָט איהר אַזעלכע ווילדע גאַנגען! נו, און איצט וועל איך מיר אַקאָרשט צונויפקלייבען אַלע פּאַפּיערען צוריק אין מיין רייזע־טאַש. (ער טהוט עס) אַט אַזוי! און איצט, זייט מיר דערווייל געזונד. און גיט דאָ גוט אַכטונג אויף אָסוואַלד'ן, ווען ער וועט זיך אומקעהרען צוריק פון שפּאַציער. איכ'ל נאָך דאָ שפּעטער פאַרגיין. (נעהמט זיין קאַפּעליוש און גייט אָב דורכ'ן קאָרידאָר.)

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. (זי לאָזט ארויס אַ זיפץ, קוקט אַ רגע ארויס דורכ'ן פענסטער, ראַמט אַ ביסעל אויף דעם צימער און נעהמט געהן אין עסס־צימער. ביין טהיר בלייבט זי שטיין מיט אַ האַלב־פערשטיקטען געשריי) אָסוואַלד, דו זיצסט נאָך אַלץ ביים טיש?

אָ ס ו א ל ד. (פון עסס־צימער) אָה, איך דעררויכער עס מיין ציגאַר.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. אבי איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט ארויס שפּאַציערען.

אָ ס ו א ל ד. אין אַזא פּאַסקודנעם וועטער? (עס דערהערט זיך פון עסס־צימער דער קלאַנג פון אַ גלאָז. פרוי אלווינג לאָזט דיא טהיר אָ'ן אָפענע און זעצט זיך מיט עפּעס אַ האַנד־אַרבייט אויפ'ן סאָפקע לעבען פענסטער.)

אָ ס ו א ל ד. ווער איז דאָס פון דאַנען נור וואָס ארויס־געגאַנגען, ניט פּאַסטאָר מאַנדערס?

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. יע, ער איז אוועק אין יתומים־הויז.

אָ ס װ אַ ל ד. המ— (עס הערט זיך װידער דער קלאַנג פון אַ גלאָז מיט אַ פלעשעל.)

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (מיט אַן אונרוהיגען בליק.) ליעבער אָסוואלד, איך האָב מורא זאָלסט זיך ניט אָנטרינקען צופיעל מיט דעם וויין. ער איז זעהר א שטארקער.

אָ ס ו ו א ל ד. אין אזא טאָג איז ער זעהר גוט. ער לאָזט ניט צו קיין פייכטקייט צום לייב.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. קום בעסער אריין אהער צו מיר.

אָ ס ו ו א ל ד. האָסט דאָך געזאָגט, איך זאָל דאָרט ניט רויכערען.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. דיא ליולקע נאָר. ציגארען מעגסטו זיך רויכערען.

אָ ס ו ו אַ ל ד. אויב אזוי איז רעכט. איך קום גלייך אריין. בלויז נעהמען נאָך איין טראָפּען! שוין! (ער קומט אריין אין צימער מיט'ן ציגאַר אין מויל און מאַכט הינטער זיך צו די טהיר. א קורצע פויזע.) וואָהין איז מאנדערס אוועק?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. איך האָב דיר דאָך ערשט געזאָגט. ער איז אוועק אין יתומים־הויז.

אָ ס ו ו אַ ל ד. יא, יא, האָסט מיר טאקע ערשט געזאָגט.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. עס איז ניט איבעריגס געזונד פאר דיר, אָסוואלד, אזוי לאנג צו בלייבען זיצען ביים טיש.

אָ ס ו ו אַ ל ד. (פאַרלעגט דיא האַנד מיט'ן ציגאַר אַהינטער) אבער, מאַמע, דאָס איז מיר אזוי אַנגענעהם. (ער גלעט און צער־טעלט זיא.) דו שטעל זיך נאָר פאָר וויא ליעב עס איז מיר צו קומען אהיים און זיצען לעבען דער מאַמע'ס טיש אין דער מאַמעס עסס־צימער און עסען דער מאַמע'ס טייערע מיטאגס!

פ ר ו י א ל ו י נ ג. מיין ליעבער, ליעבער זוהן!

אָ ס ו ו א ל ד. (נעהמט אַן א'ן אונגעדולדיגע מיענע, גייט ארום איבער'ן שטוב און רויכערט) און וויעדער, וואָס אנדערש קען איך דאָ טהאָן, אז ניט זיצען ביים טיש? איך קען זיך ניט נעהמען פאר קיין ארבייט.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. פאַר וואָס ניט?

אָ ס ו א ל ד. אין אזא פאַסקודנעם וועטער? אָהן אַ'ן איינציגען שטראהל זונען־שיין דעם גאַנצען טאָג? (שפאַציערט ארום צימער) אָה, ניט קענען ארבייטען!

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אפשר האָסטו אהערצו גאָר לכתחלה ניט בעדאַרפט קומען?

אָ ס ו א ל ד. ניין, מאמע, קומען האָב איך געמוזט.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. ווארום? איך וואָלט בעסער צעהן מאָל מוחל געווען דעם פערגניגען וואָס דו גיסט מיר, איידער דיר—

אָ ס ו א ל ד. (שטעלט זיך אָב לעבען טיש) זאָג מיר קאָרשט, מאמע, ביזטו טאַקע אין אמת'ן אזוי צופריעדען וואָס איך בין געקומען אהיים?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אויב איך בין צופריעדען פרעגסטו?

אָ ס ו א ל ד. (קאָמטשעט צונויף אַ צייטונג) און איך מיין אַלץ, אַז עס איז דיר באַלד אַלץ איינס, צי איך בין פאַראַן אויף דער וועלט, צי איך בין ניטאָ.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אָסוואלד, וויא אזוי רעדסטו עפּעס מיט מיר? בין איך דיר דען ניט אַ ליבליכע מאמע?

אָ ס ו א ל ד. אָט ביזטו דאָך דיא גאַנצע צייט אויסגעקומען גאַנץ גוט אָהן מיר אויך.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. יאָ. איך בין אויסגעקומען אָהן דיר, דאָס איז אמת. (פויזע. ביסלעכווייז פאַלט צו די נאַכט. אָסוואלד גייט ארום הין און צוריק איבער'ן צימער. לעגט אוועק דעם ציגאַר.)

אָ ס ו א ל ד. (שטעלט זיך אָב לעבען פרוי אלווינג) מעג איך אַ וויילע צוזעצען זיך אָט דאָ לעבען דיר אויפ'ן סאָפקע?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (מאַכט פאַר איהם אַ'ן אָרט) אָך, זעץ זיך, מיין געטרייער זוהן.

אָ ס ו א ל ד. (זעצט זיך אַנידער) און איצט, מאמע, לאָמיך דיר עפּעס דערציילען.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (עטוואס אונרוהיג) דערצייל.

אָ ס וו אַ ל ד. (קוקט האַרט פאַר זיך) מעהר קען איך דאָס שוין ניט שטיקען אין זיך.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. וואָס שטיקען אין זיך? וואָס מיינסטו עס, אָסוואַלד?

אָ ס וו אַ ל ד. (מיט דער זעלבער פּאָזע ווי פריהער) וויא פיעל מאָל איך האָב דיר געפּרואווט שרייבען וועגען דעם, האָב איך אַלץ ניט געקענט. און זינט איך בין געקומען אהיים—

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (כאַפּט איהם אָן פאַר׳ן ארם) אָסוואַלד, וואָס איז געשעהן?

אָ ס וו אַ ל ד. (מיט דערזעלבער פּאָזע) שוין צוויי טעג, נעכטען און היינט, אַז איך מאַטער זיך ארויסצוטרייבען אָט דיא געדאַנקען פון קאָפּ— זיך פון זיי בעפרייען. אבער עס איז ארויס־געוואָרפענע ארבייט.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (קען מעהר ניט איינזיצען) אָסוואַלד, רייד ווערטער.

אָ ס וו אַ ל ד. (ציהט זי צוריק אראָפּ אויפ׳ן סאָפּקע) דו זיץ קאָרשט רוהיג, וועל איך דאָס דיר פּרואווען דערציילען. געדענקסט נעכטען האָב איך זיך בעקלאָגט, אַז איך בין זעהר אויסגעמאַטערט פון דער רייזע—

פ ר ו י א ל וו י נ ג. נו, יא, איז וואָס?

אָ ס וו אַ ל ד. הערסטו, ווען דאָס וואָלט געווען אַ׳ן איינ־פאַכע מיעדקייט וואָלט שוין געווען גוט. מיט מיר איז אבער אַ׳ן אנדער צרה—

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (גיט זיך אַ כאַפּ אויפצושטיין) אָסוואַלד, ביזט קראַנק?

אָ ס וו אַ ל ד. (ציהט זיא ווידער אראָב צו זיך) דו זיץ נור רוהיג, מאַמע, איך בעט דיך. נור געלאַסען. איך בין ניט אין גאַנצען קראַנק, יעדענפאַלס, ניט וויא עס הייסט געוויינליך קראַנק. (נעהמט צונויף דיא הענד איבער׳ן קאָפּ) מאַמע, מיין פערשטאַנד איז געבראָכען— ער איז פערניכטעט—! איך וועל שוין מעהר קיינ־מאָל ניט קענען ארבייטען. (ער פערלייגט דיא הענד איבער׳ן געזיכט,

דאַן גראַבט ער איין דעם קאָפּ אין איהר שויס און פאַנגט אָן ביטער צו כליפּען.)

פרוי אלווינג. (בלייך, ציטערט) אָסוואַלד! קוק אויף מיר! ניין, ניין. עס איז ניט אמת!

אָסוואַלד. (קוקט אַרויף מיט פערצווייפלונג אין די אויגען) קיין מאָל שוין מעהר ניט קענען ארבייטען! קיינמאָל ניט! קיינמאָל ניט! אָה, לעבעדיגערהייט וועל איך זיין געשטאָרבען! קענסטו זיך פאָרשטעלען עפּעס א זאַך וואָס זאָל זיין אזוי שוידער־האַפט וויא דאָס?

פרוי אלווינג. אָה, מיין אָרימער זוהן! וויא אזוי קומט דאָס צו דיר אזא שרעקליכער אונגליק?

אָסוואַלד. (זעצט זיך אויף גלייך.) אָט דאָס טאַקע קען איך אויף קיין פאַל ניט פערשטעהן. איך קען עס גאָר ניט בענעהמען. איך האָב קיינמאָל ניט געפיהרט קיין אויסגעלאַסענעם לעבען — ניין, אויף קיין פאַל ניט. גלויב דאָס ניט אויף מיר, מאמע. איך בין קיינמאָל ניט געווען צולאָזען.

פרוי אלווינג. אָה, איך גלויב דיר, אָסוואַלד, איך בין אין דעם זיכער.

אָסוואַלד. און דאָך האָט מיך דיעזער אונגליק ניט געפעהלט — אזא מורא'דיגער אונגליק!

פרוי אלווינג. אָה, אבער דאָס וועט דאָך פאָר־איבערגעהן, מיין טייערער, מיין וואוילער זוהן, פאָלג מיך, ס'איז גאָר נישט. דו האָסט זיך איבערגעהאָרעוועט. גלויב מיר, אז איך בין גערעכט.

אָסוואַלד. (טרויעריג) איך האָב אויך אזוי געמיינט פון אנפאנג. אבער ס'איז ניט דאָס.

פרוי אלווינג. דערצייל מיר די גאנצע געשיכטע פון אָנהייב ביז'ן סוף.

אָסוואַלד. גוט, איך וועל עס דיר דערציילען.

פרוי אלוויג. ווען האָסטו דאָס גאָר צו ערשט בעמערקט?

אָ ס וו א ל ד. איך האָב עס בעמערקט באַלד נאָכדעם וויא איך בין דעם לעצטען מאָל געקומען צו פֿירהרען פון דיר צוריק קיין פאַריז. איך האָב דאַן אָנגעהויבען פיהלען א מורא'דיגען קאָפּ־וועהטאָג. איבערהויפּט, האָט עס מיר אויסגעוויזען, אין דער פּאַטילניצע. עפּעס אזא מאָדנער וועהטאָג, אזוי וויא פון האַלז אָן און העכער ארויף וואָלט מיר דער קאָפּ געוועזן איינגעשרויפּט אין א'ן אייזערנעם רייף.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. און וואָס איז ווייטער געוועזן?

אָ ס וו א ל ד. לכתחלה האָב איך געמיינט, אז עס איז גאָר־נישט, אז דאָס איז נישט מעהר וויא דער געוועהנליכער קאָפּ־וועהטאָג, וועלכער פלעגט מיך אזוי אָפט פּייניגען ווען איך בין נאָך געוועזן א אינגעל—

פ ר ו י א ל וו י נ ג. איך געדענק. נו, ווייטער—

אָ ס וו א ל ד. אבער עס איז ניט געוועזן דאָס. איך בין דאָס באַלד דערגאַנגען אויף קלאָר. איך האָב ניט געקענט ארבייטען. איך האָב זיך גראד דאמאלס געקליבען אָנצוהייבען מאָהלען א גרויסען, נייעם בילד, און דאָ פיהל איך אזוי וויא מיין גאַנצער טאַלאַנט וואָלט מיך פערלאָזען און אַלע מיינע פעהיגקייטען וואָלטען אויסגעלאָשען געוואָרען. גאָר אוים קראַפט! איך האָב ניט געקענט ארויסרופען אין מיין געהירן קיין איין בעשטימטע געשטאַלט. יעדע זאַך איז עפּעס פאַר מיר אזוי וויא געשוואומען—זיך געדרעהט ארום און ארום אזוי וויא א ווירבער. אָה, אין וואָס פאַר א שרעקליכען צושטאַנד איך האָב מיך דאַן געפונען! ענדליך האָב איך געשיקט נאָך א דאָקטאָר, און בין פון איהם דערגאַנגען דעם גאַנצען אמת.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. וויא מיינסטו?

א ס וו א ל ד. ער איז איינער פון דיא גרעסטע פּאַריזער דאָקטוירים. איך האָב איהם אויסגעמאָהלען אַלע סימנים פון מיין קראַנקהייט, דאַן האָסטו בעדארפט הערען וויפיעל פראַגען ער האָט דאָס מיך גענומען פרעגען! און אַלץ אַזעלכע מאָדנע, וואָס האָבען דאכט זיך גאָר ניט געהאט צו טהון מיט'ן

ענין. איך האָב אַלץ ניט געקענט פערשטיין אויף וואָס אייגענטליך ער האָט זיך געציעלט—

פ ר ו י א ל ו י נ ג. ווייטער?

אָ ס ו א ל ד. דערנאָך רופט ער זיך צו מיר אָב: „איהר זייט צוגעסען פון ווערים פון אייער געבורט אָן". אט אזוי טאקי האָט ער אָ געזאָגט: "Vermoulou"

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (אָהן אַ'ן אטהעם) וואָס האָט ער דערמיט געמיינט?

אָ ס ו א ל ד. איך האָב אויך ניט פערשטאַנען און האָב איהם געבעטען, ער זאָל מיך קלאָר מאכען. מיינסטו, רופט ער, דער אַלטער פאַסקודניאַק, זיך ניט אָב— (ער דריקט צונויף דעם קולאַק) אָה—!

פ ר ו י א ל ו י נ ג. וואָס האָט ער געזאָגט?

אָ ס ו א ל ד. ער האָט געזאָגט, אז: „דיא זינד פון דיא פאטערס פאַלען אויף דיא קינדער'ס קעפּ."

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (הייבט זיך לאַנגזאַם אויף) דיא זינד פון דיא פאטערס—!

אָ ס ו א ל ד. נאָך איין האָאָר וואָלט איך איהם אראָב־געלאָזען אַ פּאַטש—

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (געהט אַרום איבערן צימער) דיא זינד פון דיא פאטערס—

אָ ס ו א ל ד. (מיט אַ טרויעריגען שמייכעל) יאָ. נו, וויא געפעלט דיר אזא זאַך? נאַטירליך, איך האָב איהם פערזיכערט, אז דערפון איז גאָר ניטאָ וואָס צו קלערען. מיינסטו אבער, אז ער האָט זיך געלאָזען איינריידען? ער איז געווען פאר דאָס זייניגע שטאָהל און אייזען, ביז וואנען איך האָב איהם ניט ארויסגענומען דיינע בריעף און איבערזעצט איהם וואָס דו פלעגסט מיר שרייבען וועגען טאטען—

פ ר ו י א ל ו י נ ג. נו, וואָס האָט ער דאן געזאָגט?

אָ ס ו א ל ד. דאן האָט ער שוין, נאַטירליך, געמוזט צוגעבען אז ער האָט אַ טעות געהאט. און אויף אזא אופן בין איך עס דער־

גאַנגען דעם אמת— דעם אונבעגרייפליכען אמת! הפּנים אז איך האָב דאָך געלעבט צו לוסטיג אינאיינעם מיט מיינע חברים דיא סטודענטען, זיך פאַרט צופיעל געבאָדען אין פערגניגען. פאַר מיינע קרעפטען איז עס געווען צופיעל. יאָ, אַליין, מיט מיינע אייגענע הענד האָב איך זיך אונגליקליך געמאַכט!

פ ר ו י   א ל ו ו י נ ג. אָסוואַלד! אָה, ניין, גלויב דאָס ניט!

אָ ס וו אַ ל ד. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז קיין אנדער ערקלערונג איז ניטאָ. אָט דער געדאַנק איז נאָך שרעקליכער פון אַלץ. איך בין רואינירט אויף אייביג— און קיינער קען מיך ניט היילען— און שולדיג אין דעם איז מיין אייגענע ווילדקייט! אַלץ וואָס איך האָב א מאָל געהאָפט אויפצוטהון אויף דער וועלט— איצט טאָר איך שוין דערפון מעהר ניט קלערען— איך ק ע ן גאָר וועגען דעם ניט קלערען. אָה, ווען איך וואָלט נור געקענט אָנהייבען דאָס לעבען איבער אַ נייעס און צוריק צורעכט מאַכען אַלץ וואָס איך האָב אַליין קאַליע געמאַכט! (ער גראָבט איין דאס געזיכט אין סאָפּקע. פרוי אלווינג ברעכט דיא הענד און גייט ארום הין און צוריק. קענטיג אז זיא ראַנגעלט זיך אין דער שטיל מיט זיך אַליין. אין אַ ווייל ארום הייבט אָסוואַלד אויף דעם קאָפּ און בלייבט זיצען אנגעשפּאַרטערהייט אויפ'ן עלענבויגען.)

אָ ס וו אַ ל ד. וואָלט דאָס כאָטש געווען עפּעס אַ גע'ירש'נטע קריינק, עפּעס אזוינס אין וואָס איך בין ניט שולדיג! אבער איצט אַליין גענומען און אזוי שענדליך, אזוי קינדיש, אזוי ווילד צושטערט מיין געזונד, מיין גאַנצען גליק, מיין גאַנצע צוקונפט, מיין גאַנצען לעבען, מיין אַלצדינג!

פ ר ו י   א ל ו ו י נ ג. ניין, ניין. רעד ניט אזוי, מיין ליעב קינד, מיין געטרייער זוהן! דאָס קען דאָך ניט זיין. (בויגט זיך איבער איהם אָן.) דיא לאַגע איז נאָך ניט אזוי פערצווייפעלט, וויא דו מיינסט.

אָ ס וו אַ ל ד. אָה, דו ווייסט נאָך ניט— (ער שפּרינגט אויף) היינט אַ חוץ אַלעמען, וואָס האָב איך נאָך דיר, מאַמע, געדאַרפט אָנמאַכען אזוי פיעל יסורים! פיעלע מאָל האָב איך זיך געטרייסט,

אז אייגענטליך אַארט דיך ניט זעהר פאַר מיר, און מורא האָבענדיג פאַר דיינע ליידען האָב איך געוואונשען און געהאָפּט, אז דיך וועט עס ניט קיממערן.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. מיך, אָסוואַלד? מיין איין־איינציגער זוהן! וועמען נאָך האָב איך אויף דער גאַנצער וועלט א חוץ דיך? וואָס נאָך אַארט מיך אין מיין גאַנצען לעבען אויסער דיר?

אָ ס וו אַ ל ד. (ער כאַפּט איהרעביידע הענד און קושט זיי) יאַ, טייערע מוטער, איצט וויים איך דאָס זעהר גוט. ווען איך בין אין דער היים, איז ביי מיר אין דעם גאַר קיין צווייפעל ניטאָ. און דאָס איז נאָך פאַר מיר ערגער פון אלץ. אבער גענוג שוין היינט וועגען דעם. איך האָב דיר שוין אלץ אויסדערצעהלט. איך טאָר ניט דענקען וועגען דעם צופיעל נאָכאנאנד. (גייט ארום איבער'ן צימער) גיב מיר עפּעס צום טרינקען, מאַמע.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. טרינקען? וואָס ווילסטו איצט טרינקען?

אָ ס וו אַ ל ד. עס, וואָס ניט איז. ביי דיר געפינט זיך דאָך מסתמא ערגעץ א ביסעל קאַלטער פונש?

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. אבער, טייערער אָסוואַלד—

אָ ס ו ו אַ ל ד. איך בעט דיך, זאָג מיר ניט אָב. זיי צו מיר איצט גוט, איך בעט דיך! איך מוז דאָך מיט עפּעס פערטרינקען אַט דיא אלע געדאַנקען, וועלכע גריזען מיך אזוי! (ער געהט אריבער אין דער אָראַנזשערעע) היינט— ס'איז עפּעס אזוי פינסטער דאָ! (פרוי אַלווינג טהוט אַ ציה אַ שטריקעל פון א גלעקעל לעבען איהר רעכטער האַנד) און דער רעגען הערט אלץ ניט אויף צו גיסען! ווער וויים, ער קען נאָך אזוי אָבגעהן א וואָך נאָך א וואָך, מאָנאַטען גאַנצע און איך וועל דיא גאַנצע צייט ניט אָנזעהן קיין שטראַהל פון דער זונן! איך געדענקט קיין איין טאָג ניט, פאַר דיא אלע מאָל וואָס איך בין געווען אין דער היים, ווען דיא זונן זאָל דאָ שיינען.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. אָסוואַלד, צי דענקסטו ניט באַלד וויעדער אווקצופאָהרען פון מיר?

אָ ס וו אַ ל ד. המ— (ער אָטהעמט טיעף אריין דיא לופט) איך

דענק פון קיין זאך ניט. איך קען פון קיין זאך ניט דענקען. (זעהר שטיל) דענקען איז שוין ניט פאר מיר.

ר ע ג י נ אָ. (פון עסס־צימער) איהר האָט עם געקלונגען, מאַדאַם?

פ ר ו י א ל וו י נ ג. יע, ברייננ אונז אהער אריין א לאָמפּ.

ר ע ג י נ אָ. אָט באלד. דער לאָמפּ איז שוין אָנגעצונדען. (זיא געהט ארויס.)

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (געהט איבער דעם צימער צו אָסוואַלד'ן) אָסוואַלד! זיי מיט מיר אָפּענהערציג.

אָ ס וו אַ ל ד. בין איך מיט דיר נאָך ניט געוועזן גענוג אָפּענהערציג? (ער גייט צו צום טיש) דאַכט זיך, איך האָב דיר שוין אַלץ אויסדערציילט.

ר ע ג י נ אָ. (זיא קומט אריין מיט אַ לאָמפּ און שטעלט איהם אַוועק אויפ'ן טיש.)

פ ר ו י א ל וו י נ ג. רעגינא, זיי אזוי גוט און בריינג אונז אריין אַ האַלבע פלאַש שאַמפּאַניער.

ר ע ג י נ אָ. זעהר שעהן, מאַדאַם. (אב.)

אָ ס וו אַ ל ד. (לעגט אַרום דעם אָרעם אַרום דער מוטער'ס האַלז.) אָט אזוי האָב איך ליעב. אבער איך האָב געוואוסט אז דיא מאַמע וועט איהר זוהן ניט לאָזען פערשמאַכט ווערען פון דורשט.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. אַך, מיין אָרימער, טייערער אָסוואַלד, מיין ליעבער זוהן, וויא אזוי קען איך דיר איצט עפּעס אָבזאָגען?

אָ ס וו אַ ל ד. (שטאַרק נייגעריג) איז דאָס טאַקע אמת, מאַמע? דו מיינסט דאָס טאַקע אזוי?

פ ר ו י א ל וו י נ ג. וואָס? וואָס מיינסטו?

אָ ס וו אַ ל ד. וואָס דו האָסט געזאָגט, אז דו קענסט מיר קיין זאך ניט אָבזאָגען?

פ ר ו י א ל וו י נ ג. מיין טייערער אָסוואַלד—

אָ ס וו אַ ל ד. ש—שאַ!

ר ע ג י נ אָ. (קומט אַריין מיט אַ טאַץ מיט אַ האַלבער פלאַש

שאַמפּאַניער און צוויי גלעזער. זיא שטעלט דאָס אוועק אויפ'ן טיש.) זאָל איך אויפעפענען?

אָ ס וו אַ ל ד. ניין, אַ דאַנק. איך וועל אַליין.

ר ע ג י נ א (גייט ארויס צוריק).

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (זעצט זיך ביים טיש) נו, איצט זאָג מיר, וואָס האָסטו געמיינט זאָל איך דיר ניט אָבזאָגען?

אָ ס וו אַ ל ד. (באַבערט זיך ארום פלאַש. עפענט זיא אויף) אַ פריהער לאָמיר אויסטרינקען צו גלאָז— אָדער צו צוויי. (דער קאָרק שיסט אַרויס פונ'ם פלאַש. ער גיסט דעם וויין אין איין גלאָז און נעהמט זיך איהם אריינגיסען אויך אין דער צווייטער.)

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (פערדעקט דיא גלאָז מיט דער האַנד) אַ דאַנק. מיר ניט.

אָ ס וו אַ ל ד. אָה, דו ווילסט ניט? נו, וועל איך אליין טרינקען! (ער ליידיגט אויס די גלאָז, גיסט זיא ווידער אָן און ליידיגט זיא ווידער אויס. דערנאָך זעצט ער זיך אַנידער לעבען טיש.)

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (נייגעריג) נו?

אָ ס וו אַ ל ד. (ניט קוקענדיג אויף איהר) זאָג מיר קאָרשט: עפּעס האָט זיך מיר אָבגעדוכט אַז דו מיט מאַנדערס'ן האָט עפּעס אזוי מאָדנע אויסגעזעהן—היינט צו מיטאָג—עפּעס זייט איהר מיר געווען שוין צו שטיל.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. דו האָסט עס בעמערקט?

אָ ס וו אַ ל ד. יע. הם — (נאָך אַ קליינער פּויזע) זאָג מיר: וויא געפעלט דיר רעגינאַ?

פ ר ו י א ל וו י נ ג. וויא זיא געפעלט מיר?

אָ ס וו אַ ל ד. יא, איז זיא ניט אַ'ן אַנטיק פון אַ מיידעל?

פ ר ו י א ל וו י נ ג. מיין טייערער אָסוואלד, דו קענסט זיא ניט אזוי גוט וויא איך קען זי—

ס וו א ל ד. אדרבא, וואָס ווייסטו וועגען איהר?

ר ו י א ל וו י נ ג. צום אונגליק האָב איך געלאָזען רעגינאַ'ן צו אַ לאַנגע צייט ביי איהר אין דער היים. איך האָב איהר געדארפט אריינגעהמען צו מיר א סך פריהער.

אָ ס וו אַ ל ד. נו, יאָ. אבער איז דען ניט אַ פּראַכט אַ קוש צו טהון אויף איהר, מאַמע? (ער גיסט אָן)

פ ר ו י א ל וו י נ ג. רעגינא האָט פּיעלע ערנסטע פעהלערן.

אָ ס וו אַ ל ד. פערשטייט זיך. אבער, ווענען אַרט דאָס? (ער טרינקט.)

פ ר ו י א ל וו י נ ג. פון דעסטוועגען האָב איך זיא גאַנץ ליעב און איך בין פאַר איהר פעראַנטוואָרטליך. קיין זאַך אין דער וועלט וועט מיך ניט צווינגען איך זאָל עמיצען לאָזען איהר בייז טהון.

אָ ס וו אַ ל ד. (שפּרינגט אויף) מאַמע! רעגינא איז מיין איינציגע רעטונג!

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (שטעהט אויף) וואָס מיינסטו דער־מיט?

אָ ס וו אַ ל ד. איך קען שוין מעהר אַליין ניט פערטראָגען דיא גאַנצע שרעקליכע, ביטערע פערצווייפלונג פון מיין זעעלע.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. אַליין? און וואו איז דיין מאַמע? זיא וועט עס דיר העלפען פערטראָגען.

אָ ס וו אַ ל ד. יאָ, איך האָב אויך אזוי געמיינט און דעריבער האָב איך זיך עס אומגעקעהרט צו דיר אהיים. אבער דאָס איז גאָר ניט מיט גאָר ניט. איך זעה שוין איצט קלאָר, אַז דו וועסט מיר ניט העלפען. דאָס לעבען איז מיר דאָ איינפאַך אונערטרעגליך.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. אָסוואַלד!

אָ ס וו אַ ל ד. אַ גאַנץ אַנדער לעבען מוז איך פיהרען, מאַמע, און דעריבער מוז איך פון דיר אוועקפאָהרען. איך וויל ניט אַז דו זאָלסט עס צוזעהן.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. אָה, מיין אונגליקלירער זוהן! אבער, אָסוואַלד, איצט אַז דו ביזט נאָך אזוי קראַנק—

אָ ס וו אַ ל ד. אָה, ווען דאָס וואָלט געווען בלויז דיא קראַנק־הייט, דאַן קענסטו זיין זיכער, ליעבע מוטער, אַז איך וואָלט שוין פון דיר ניט אוועקגעפאָהרען; ווארום דו ביזט דאָך מיר דער בעסטער גוטער פריינד אין דער גאַנצער וועלט.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. יע, אָסוואלד, געווים. ניט אמת, טייערער?

אָ ס ו ו אָ ל ד. (דרעהט זיך אונרוהיג אַרום איבער'ן סצענע) וואָס אבער זאָל איך טהון מיט דיא ביטערע יסורים פון מיין הארצען, מיט מיינע געוויסענסביסע? היינט דער גרויסער טויטענדער שרעק. אָה! דער פערכטבארער שרעק!

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (גייט נאָך איהם נאָך) דער שרעק? וואס פאר א שרעק? וואָס מיינסטו עס?

אָ ס ו ו אָ ל ד. אָה, פרעג שוין בעסער מעהר ניט. איך וויים ניט. איך קען עס ניט אויסמאָהלען. (פרוי אַלווינג געהט איבער צו דער רעכטער זייט און גיט אַ ציה דעם גלעקיל.) וואָס ווילסטו טהון?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. איך וויל, אז מיין זוהן זאָל זיין גליקליך—אָט דאָס וויל איך: איך וועל איהם מעהר ניט לאָזען פייניגען זיך דעם מארך. (צו רעגינאַ'ן, וועלכע ווייזט זיך אין טהיר.) נאָך שאמפאניער— א גאנצע פלאש. (רעגינאַ אב.)

אָ ס ו ו אָ ל ד. מאמע!

פ ר ו י א ל ו י נ ג. וואָס מיינסטו, אז דאָ אין דער היים ווייסען מיר שוין גאָר ניט וויא מען לעבט אויף דער וועלט?

אָ ס ו ו אָ ל ד. נו, זאָג אליין, איז זיא ניט אַ פראכט א מויד? וויא שעהן געבויט זיא איז! היינט איז זיא אַזוי גרונטאָווגע געזונד!

פ ר ו י אַ ל ו י נ ג. (זעצט זיך ביים טיש) זעץ זיך, אָסוואַלד, און לאָמיר זיך רוהיג איבעררייידען דיא זאַך.

אָ ס ו אָ ל ד. (זעצט זיך) דאָ איז נאָך, מאמע, פאראַן א'ן אנדער זאַך. ווייסטו אז איך בין רעגינאַ'ן שולדיג א חוב?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. דו רעגינא'ן?

אָ ס ו ו אָ ל ד. יא. איך בין מיט איהר געוועזען א ביסעל לייכטזיניג, אָדער וויא מען רופט דאָס דאַרטען— יעדענפאלס איז עס געשעהן אויף אַ גאנץ אונשולדיגען אופן. לעצטען מאָל אז איך בין געוועזען אין דער היים—

פ ר ו י א ל וו י נ ג. איז וואָס?

אָ ס וו א ל ד. פלעגט זיא ביי מיר זעהר פיעל נאָכפרעגען זיך וועגען פאריז און איך פלעג איהר א ביסעל דערציילען. איין מאָל, געדענק איך, האָב איך זיך פאר איהר אויסגערעדט: „וואָלט איהר ניט וועלען אליין א מאָל דורכפאָהרען זיך קיין פאריז?"

פ ר ו י א ל וו י נ ג. נו?

אָ ס וו אָ ל ד. איז וויא זיא האָט דאָס דערהערט, אזוי האָט זיך ביי איהר אָנגעצונדען דער פנים און זיא רופט זיך אָב: „אָ, איך וואָלט זעהר געוואָלט דאָרטען זיין." און איך האָב איהר געענטפערט: „איהר'ט דאָס נאָך אפשר א מאָל קענען דערוויזען", אָדער עפּעס אנאנדער זאך, עהנליך צו דעם.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. נו, און וואָס ווייטער?

אָ ס וו אָ ל ד. פאַרשטייט זיך, אז דערנאָך איז מיר דיא גאנצע געשיכטע ארוים פון קאָפּ. אבער אייער־נעכטען, אז איך בין געקומען צו פאָהרען, פרעג איך ביי איהר, אויב זיא איז צופריעדען וואָס דעם מאָל וועל איך אזוי לאנג פערזאמען אין דער היים—

פ ר ו י א ל וו י נ ג. איז וואָס האָט זיא געזאָגט?

אָ ס וו אָ ל ד. האָט זיא אויף מיר א קוק געטהאָן עפּעס אזוי מאָדנע און האָט געפרעגט: „און וואָס הערט זיך מכח מיין רייזע קיין פאריז?"

פ ר ו י א ל וו י נ ג. איהר רייזע!

אָ ס וו א ל ד. קורץ, איך האָב פון איהר ארויסגעקראָגען, אז זיא האָט דיא זאך אָנגענומען פאר גאנץ ערנסט און אז זיא האָט דיא גאנצע צייט וועגען מיר ניט אויפגעהערט צו קלערען. זיא האָט זיך שוין זאָגאר אָנגעהויבען לערנען פראנצויזיש—

פ ר ו י א ל וו י נ ג. אָ, איצט פאַרשטיי איך שוין פאר וואָס זיא איז עס מיט א מאָל געוואָרען א פראנצויזקע!

אָ ס וו א ל ד. דו הערסט, מאמע? ווען איך האָב דאָן אָט דיא פרישע, ליעבליכע און פראכטפאָלע מיידעל דערזעהן שטייענדיג פאר מיר— ביז דאָן האָב איך זיא קוים בעמערקט— נאָר דעם

מאָל אַז איך האָב זיא דערזעהן שטייענדיג פאַר מיר, אַזוי וויא זיא וואָלט געוועזן בערייט אריינצונעהמען מיך אין איהרע אָפענע אָרעמס—

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. אָסוואַלד!

אָ ס ו ו אַ ל ד. דאַן האָט עס מיר פּלוצלונג אַזוי וויא אַ בליטץ געטהאָן אין מוח, אַז אין איהר ליעגט מיין רעטונג. איך האָב דאַן דערזעהן, אַז זיא איז פול מיט לעבענסלוסט.

פ ר ו י אַ ל ו ו י נ ג. (גיט זיך אַ כאַפּ) לעבענסלוסט זאָגסטו? ליעגט דען אין דעם דיא רעטונג?

ר ע ג י נ אַ. (קומט אַריין פון עסס־צימער מיט אַ פלאַש שאַמפּאַ־ניער) ענטשולדיגט, וואָס איך האָב זיך אַזוי געזאַמט. איך האָב געמוזט אראָבגעהן אין קעלער. (זיא שטעלט אַוועק דיא פלאַש אויפ'ן טיש.)

אָ ס ו ו אַ ל ד. און איצט זייט אַזוי גוט און ברייגגט נאָך אַ גלאָז.

ר ע ג י נ אַ. (קוקט אויף איהם איבערראַשט) דיא מאַדאַם האָט דאָך אַ גלאָז, הערר אַלווינג.

אָ ס ו ו אַ ל ד. יאַ, אָבער איך וויל איהר זאָלט ברייגגען אַ גלאָז פאַר אייך אַליין, רעגינא. (ר ע ג י נ אַ גיט זיך אַ צאַפּעל און וואַרפט אַ שעהמעדיגען, זייטיגען בליק, שנעל וויא אַ בליטץ אויף פרוי אַלווינג) אויף וואָס וואַרט איהר?

ר ע ג י נ אַ. (שטיל און ענטשלאָסען) ווינשט עס דיא מאַדאַם אויך אַזוי?

פ ר ו י אַ ל ו ו י נ ג. ברייגג אַ גלאָז, רעגינא. (רעגינאַ אַב אין עסס־צימער.)

אָ ס ו ו אַ ל ד. (קוקט איהר נאָך) האָסטו געזעהן אַ גאַנג אַביסעל? — אַזאַ געזונטער און דאָך אַזאַ לייכטער טראָט!

פ ר ו י אַ ל ו ו י נ ג. אָסוואַלד, דאָס קען קיינמאָל ניט געשעהן!

אָ ס ו ו אַ ל ד. און איך זאָג דיר, אַז עס איז שוין אַזוי

בעשטימט. ניט שווין־זשע זעהסטו ניט, אז דאָס איז אזוי? דיין שטעלען זיך אקעגען וועט דיר גאָר ניט העלפען.

ר ע ג י נ אַ. (קומט אריין מיט אַ לעערער גלאָז. זיא האַלט עס אין דער האַנד.)

אָ ס וו אַ ל ד. זעצט זיך, רעגינא. (רעגינאַ קוקט פראגענד אויף פרוי אַלווינג.)

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. זעץ זיך.

ר ע ג י נ אַ. (זעצט זיך אויף אַ שטוהל לעבען טהיר פון עסט־צימער. דיא לעערע גלאָז האַלט זיא נאָך אַלץ אין האַנד.)

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. אָסוואַלד, וואָס האָסטו עפּעס פריהער אנגעהויבען זאָגען וועגען לעבענסלוסט?

אָ ס וו אַ ל ד. אָה, לעבענסלוסט, מאַמע— דאָס איז אַ סחורה פון וועלכער איהר דאָ אין דיא געגענדען ווייסט זעהר ווייניג. איך פיהל עס דאָ קיינמאָל ניט.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. אפילו לעבען מיר אויך ניט?

אָ ס וו אַ ל ד. איך פיהל עס קיינמאָל ניט דאָ אין דער היים. אבער וואָס איז דיא פּעולה פון דיא רייד— דו פערשטייסט דאָך גאָר ניט דעריין.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. יע, יע. מיר דוכט אַז נאָך איין האָאָר וועל איך עס פערשטיין— דערהויפּט איצט.

אָ ס וו אַ ל ד. היינט איז נאָך דאָ דיא ארבייטסלוסט. אייגענטליך איז דאָס דיזעלבע זאַך וויא לעבענסלוסט. אבער דערפון הייבט איהר דאָ אויך ניט אָן צו וויסען.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. ס'קען זיין, אַז דו ביזט גערעכט, אָסוואַלד. דאָך דערצייל מיר נאָך וועגען דעם.

אָ ס וו אַ ל ד. פאַרשטייסטו, איך מיין, אַז דיא היגע מענשען לערנט מען אזוי אוים פון קינדווייז אויף, דאָס זיי גלויבען אַז ארבייט איז אַ קללה, א'ן אַבקומענים פאַר זינד וואָס מען איז בעגאַנגען, און דאָס גאַנצע לעבען איז אַ שרעקליכע צרה, אַ מאַטער־ניס. מען דאַרף עס וויא ניט איז אָבשטופּען און וואָס שנעלער אַלץ בעסער.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אַז „עמק הבכא", אַ יאַמערטהאַל. און טאָמער פעהלט אונז נאָך אַ ביסעל צום יאַמער סטאַרעווען מיר זיך צו מאַכען איהם פאַרפול.

אָ ס ו אַ ל ד. אַבער דאָרטען אין דער גרויסער וועלט ווילען דיא מענשען פון אַזעלכע זאַכען גאָר אפילו ניט וויסען. דאָרטען וועסטו שוין ניט געפינען קיין איינעם וואָס זאָל אין דעריין גלויבען אויף אַן אמת. דאָרטען פיהלט זיך דער מענש גליקליך, אָנגע'שכור'ט מיט ענטציקונג שוין פון דעם אליין וואָס ער אָטהעמט און לעבט אויף דער וועלט. דו הערסט, מאַמע, האָסט דו ניט בעמערקט דאָס יעטווידע זאַך וואָס איך האָב נור געמאָהלען אָטהעמט מיט לעבענס־לוסט ?— ווי איך זאָג דיר, אימער, אימערצו מיט לעבענסלוסט !— ליכט און זונן־שיין און גין־גאָלדענע לופט און געזיכטער וועלכע שטראַהלען מיט גליק. אָט דעריבער האָב איך דאָס אַזוי מורא אָבצושטעלען זיך דאָ ביי דיר.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. מורא גאָר ? פאַר וואָס האָסטו עס ביי מיר מורא ?

אָ ס ו אַ ל ד. איך האָב מורא, אַז דיא גאַנצע לעבענסלוסט וואָס זידט און קאָכט אין מיר וועט דאָ אויספליסען אין העסליכע צולאָזענקייט.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (קוקט אויף איהם לאַנג) ביזטו זיכער, אַז אַזוי וועט דאָס זיין ?

אָ ס ו אַ ל ד. איך וויים עס אויף געוויס. מען קען אפילו פיהרען דאָ דאָסזעלבע לעבען וואָס דאָרטען, און דאָך וועט דאָס אַלץ ניט זיין דאָסזעלבע לעבען.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (וועלכע האָט דיא גאַנצע צייט צוגעהערט זיך מיט גרויס נייגעריגקייט, שטייט איצט אויף, מיט גרויסע, געדאַנקענ־פולע אויגען און זאָגט :) אָ, איצט פערשטעה איך שוין דעם צוזאַמענהאַנג.

אָ ס ו אַ ל ד. וואָס פערשטעהסטו ?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. איצט פערשטעה איך עס צום ערשטען מאָל. און איצט קען איך ריידען.

אָ ס וו א ל ד. (הייבט זיך אויף) מאמע, וואָס מיינסטו עס?

ר ע ג י נ אַ. (הייבט זיך אויך אויף) דארף איך פילייכט ארויסגיין?

פ ר וי אַ ל וו י נ ג. ניין. בלייב דאָ. איצט קען איך ריידען. איצט, מיין זוהן, וועל איך דיר דערציילען דעם גאַנצען אמת. דערנאָך וועסטו זיך קענען טהאָן וויא דו וועסט וועלען. אָסוואלד! רעגינא!

אָ ס וו א ל ד. ש—שאַ! מאנדערס גייט—

(מ אַ נ ד ע ר ס דורכ'ן קאָרידאָר־טהיר.)

מ א נ ד ע ר ס. נו, האָבען מיר דאָס דאָרטען אביסעל פערבראַכט אין תפלה און אין ערנסטע רעיונות.

אָ ס וו אַ ל ד. מיר האָבען דאָ אויך פערבראַכט אין ערנסטע רעיונות.

מ א נ ד ע ר ס. איך זאָג אייך, פרוי אלווינג, איך מיט אייך מוזען שטיצען ענגסטראַנדען. מיר מוזען איהם העלפען אויסבויען זיין הכנסת אורחים פאר מאַטראָזען. רעגינא מוז אוועקפאָהרען צו איהם און איהם העלפען עס פיהרען—

ר ע ג י נ אַ. ניין, מיין הערר, א גרויסען דאנק אייך.

מ א נ ד ע ר ס. (דערזעהט זיא ערשט) וואָס איז דאָס? איהר אויך דאָ, רעגינא? און נאָך מיט א גלאָז אין האנד?

ר ע ג י נ אַ. (זיא שטעלט גיך אוועק דיא גלאָז) Pardon!

אָ ס וו אַ ל ד. רעגינא פאָהרט אוועק מיט מיר, הערר מאנדערס.

מ א נ ד ע ר ס. מיט אייך פאָהרט זיא אוועק?

אָ ס וו א ל ד. יא; זיא פאָהרט מיט מיר אַלס מיין פרוי—ס'הייסט, אויב זיא וויל עס נור.

מ א נ ד ע ר ס. אבער, גאָט אין הימעל—!

ר ע ג י נ אַ. איך בין ניט שולדיג, הערר פאַסטאָר.

אָ ס וו א ל ד. אָדער אויב איך בלייב דאָ, וועט זיא דאָ אויך בלייבען מיט מיר.

ר ע ג י נ א. (עס רייסט זיך ביי איהר ארויס געגען איהר ווילען) דאָ גאָר!

מ א נ ד ע ר ס. פרוי אלווינג, וואָס איז דאָס? וואָס טהוט זיך דאָ? עפּעס אזוי וויא א דונער וואָלט מיך איינגעשלאָגען!

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. זיי וועלען קיין זאך ניט טהון, ניט דאָס ערשטע און ניט דאָס צווייטע, ווארים איצט קען איך ריידען אָבער.

מ א נ ד ע ר ס. זאָל איך גאָט אויסהיטען, פרוי אלווינג: רעדט ניט, וויא גאָט איז אייך ליעב, רעדט ניט!

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. איך וועל יא רעדען. איצט קען איך רעדען און איך וועל רעדען. און דאָך וועט דורך מיין רעדען קיין אידעאל אויך ניט געשעדיגט ווערען.

אָ ס וו אַ ל ד. מאַמע, וואָס בעהאַלט איהר עס דאָ פון מיר אזוינס?

ר ע ג י נ א. (הערט זיך איין) אָה! מאַדאַם! הערט, הערט! הערט איהר ניט קיין קולות דרויסען? (זיא געהט אין אראנזשערעע און קוקט ארויס דורך דיא שויבען.)

אָ ס וו אַ ל ד. (קוקט ארויס פון פענסטער לינקס) וואָס טהוט זיך עס דאָרטען. פון וואַנען איז דאָס אזוי ליכטיג?

ר ע ג י נ א. (מיט קולות) דער יתומים־הויז ברענט!

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. (לויפט צום פענסטער) דער יתומים־הויז ברענט?

מ א נ ד ע ר ס. דער יתומים־הויז ברענט? עס קען ניט זיין! אָט ערשט קום איך דאָך פון דאָרטען!

אָ ס וו אַ ל ד. וואו איז מיין קאַפּעליוש? אָה, ט'זיין גוט אזוי אויך— דעם טאַטענס יתומים־הויז! (לויפט ארויס דורך דער סאַד־טהיר.)

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. רעגינא, דערלאַנג מיר דיא פּאַטשיילע! עס פלאַקערט דאָך!

מ א נ ד ע ר ס. אָה, שרעקליך! פרוי אלווינג, דאָס האָט גאָט אראָבגעשיקט זיין שטראָף אויף אָט דער זינדיגער הויז!

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרשטייט זיך. קום רעגינא. (זיא מיט רעגינאַ'ן לויפֿען שנעל אָב דורך דער קאָרידאָר־טהיר.)

מ א נ ד ע ר ס. (נעהמט צונויף דיא הענד) און גאָר ניט אסעקורירט! (ער געהט ארויס דורך דערזעלבער טהיר.)

(פֿ אָ ר ה אַ נ ג.)

דריטער אקט.

(דערזעלבער צימער וואָס פריהער. אַלע טהירען זיינען אָפען. דער לאָמפּ ברענט נאָך אויפ'ן טיש. דרויסען איז פינסטער, מעהר ניט, אין הינטערגרונד, לינקס, זעהט זיך נאָך אַ שוואַכע רויטקייט פון דער שרפה. פ ר ו י א ל ו י נ ג, מיט אַ פאַטשיילע איבער'ן קאָפּ, שטעהט אין אָראַנזשערעע און קוקט ארויס דורך דיא שויבען. ר ע ג י נ אַ, אויך מיט אַ פאַטשיילע, שטעהט הינטער איהר.)

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אין גאַנצען אָבגעברענט! — אבגעברענט ביז צום דר'ערד!

ר ע ג י נ אַ. דיא קעללער־שטוב ברענט נאָך.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. פאַר וואָס גייט דאָס אָסוואַלד נאָך ניט אַריין אין שטוב? דאכט זיך, שוין ניטאָ וואָס צו ראַטעווען.

ר ע ג י נ אַ. זאָל איך געהן ארויסטראָגען איהם דעם קאַפּעליוש?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. וויא? ער איז גאָר ארויס אָהן א קאַפּעליוש?

ר ע ג י נ אַ. (ציינט אין קאָררידאָר) אָן הענגט ער דאָרטען.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. זאָל שוין זיין. ער'ט שוין מסתמא באַלד אַריינקומען. איך וועל איהם אַליין גיין זוכען. (אב דורכ'ן סאָד־טהיר.)

(מ אַ נ ד ע ר ס קומט אריין פון קאָרידאָר־טהיר.)

מ א נ ד ע ר ס. פרוי אלווינג איז גאָר ניטאָ דאָ?

ר ע ג י נ אַ. זיא איז ערשט ארויס אין סאָד.

מ א נ ד ע ר ס. נו, א נעכטעלע א ביסעל— די שרעקליכסטע נאַכט וואָס איך האָב ווען איבערגעלעבט!

ר ע ג י נ אַ. אָ, הערר פּאַסטאָר, אזא שרעקליכער אונגליק!

מ א נ ד ע ר ס. אָה, דערמאָנט מיך בעסער ניט! דער געדאַנק אַליין איז איבער מיינע כחות.

ר ע ג י נ אַ. איך וואָלט נאָר וועלען וויסען, וויא אזוי האָט דאָס ג ע ק ע נ ט טרעפען?

מ א נ ד ע ר ס. פרעגט מיך בעסער ניט, רעגינא! פון וואַנען זאָל איך וויסען? איהר ווערט אפשר א ו י ך—? נאָך ווייניג וואָס אייער טאַטע—?

ר ע ג י נ א. וואָס דער טאַטע?

מ א נ ד ע ר ס. אָה, איך בין פון איהם שיער פון זינען ניט אראָב—

(ע נ ג ס ט ר אַ נ ד דורכ'ן קאָרידאָר־טהיר)

ע נ ג ס ט ר א נ ד. הערר פאַסטאָר!

מ א נ ד ע ר ס. (דרעהט זיך אום מיט שרעק.) וואָס, דאָ אויך? דו לאָזסט מיך דאָ אויך ניט רוהען?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. מעג מיך דער אויבערשטער אפילו דאָ דערשלאָגען אויפ'ן אָרט, מוז איך— אָה, יעזוס. וואָס האָב איך עס געזאָגט!— אָה, אזא פאַסקודנע געשיכטע, הערר פאַסטאָר.

מ א נ ד ע ר ס. (געהט ארום הין און צוריק) אוי וועה! אוי וועה!

ר ע ג י נ א. וואָס איז?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. עס איז שוין א גוטע קלאָג! דער גאנצער אומגליק איז דאָך געקומען פון דעם מנין, וואָס מיר האָבען דאָרטען געמאַכט. (אין דער שטיל) דיא פויגעלע, מיידעל, איז שוין אין נעטץ. (צוריק הויך) היינט אז איך נעהם זיך בערעכענען אז דורך מיין שולד איז עס געוואָרען דעם הערר פאַסטאָרס שולד!

מ א נ ד ע ר ס. אבער, אז איך זאָג דאָך דיר, ענגסטראַנד—

ע נ ג ס ט ר א נ ד. אבער אז קיין לעבעדיגער מענש א חוץ אייך, הערר פאַסטאָר, האָט זיך בשעת דער תפילה אפילו ניט צוגעריהרט צו דיא ליכט.

מ א נ ד ע ר ס. (שטעלט זיך אָב) אָה! דאָס זאָגסטו אזוי.

איך, אבער, געדענק לחלוטין ניט, אז איך זאָל גאָר האָבען געהאַלטען א ליכט אין האנד.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. און איך געדענק אַזוי קלאָר וויא דער טאָג, וויא איך האָב אייך אליין געזעהן נעהעמענדיג דיא ליכט, אָבשמעלצענדיג זיא און אוועקוואַרפענדיג דעם קנייטעל צווישען דיא סטרוזשקעס.

מ א נ ד ע ר ס. און דו ביזט געשטאַנען און האָסט דאָס אַלץ געזעהן?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. יע. איך האָב עס געזעהן, אזוי וויא איך זעה איצט אייך.

מ א נ ד ע ר ס. אז איך הייב דאָס גאָר ניט אָן צו פארשטיין. אגב, האָב איך גאָר קיינמאָל ניט געהאט קיין געוואָהנהייט אָבצושמעלצען ליכט מיט דיא פינגער.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. און לאָמיך אייך זאָגען, אז עס האָט מיר לכתחלה אויסגעקוקט זעהר מסוכנ׳דיג. אבער איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס נעהמט איהר זיך אזוי דעם לעבען, הערר פאַסטאָר? איז דאָס טאַקע דער אמת׳ן אזא גרויסער היזק?

מ א נ ד ע ר ס. (געהט ארום שטאַרק צוטראָגען) אָה, פרעג ניט, פרעג ניט!

ע נ ג ס ט ר א נ ד. (געהט נאָך איהם נאָך) און איהר האָט עס טאַקע גאָר ניט אַסעקורירט, הערר פאַסטאָר?

מ א נ ד ע ר ס. (גייט אַלץ ארום הין און צוריק) ניין, ניין, ניין! וויפיעל מאָל דאַרף מען דיר זאָגען!

ע נ ג ס ט ר א נ ד. (גייט איהם נאָך) ניט אַסעקורירט! און דערנאָך אליין גענומען און פאַרברענט דעם גאַנצען בנין אויף אַש! אַך, יעזוס! יעזוס! אזא אומגליק!

מ א נ ד ע ר ס. (ווישט זיך אָב דעם שווייס פון שטערן) יע, יע, ענגסטראנד, א׳ן אונגליק צו א׳ן אונגליק איז ניט גלייך.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. היינט אז מען נעהמט נאָך באַרעכענען, אז אזא אומגליק זאָל דוקא טרעפען אזא צדקה אנשטאַלט, וואָס וואָלט דאָך געווען, וויא מען זאָגט, א ברכה סאַי פאַר׳ן שטאָדט און

סאי פאר דיא דערפער! איהר מעגט זיך שוין ריכטען, הערר פאסטאָר, אויף אַ גאָב פון דיא צייטונגען, זיי וועלען שוין מסתמא אויף אייך קיין כבוד ניט לייגען.

מ א נ ד ע ר ס. ניין. אָט דאָס הערסטו גייט דאָך מיר פונ זינען ניט ארויס. דאָס איז דאָך באלד דיא גרעסטע פון אלע צרות. אז איך דערמאָן זיך אויף דיא אלע בייזע אנגריפע און בעשולדי־גונגען—! אָה, עס איז גאָר מורא'דיג צו דענקען וועגען דעם.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (זיא קומט ארייז פון סאָד) מען קען איהם גאָר ניט אָבוייסען פון דער שרפה.

מ א נ ד ע ר ס. אָט זייט איהר אויך, פרוי אלווינג!

פ ר ו י א ל ו י נ ג. איצט איז אייך אראָב אַ יאָך פון קאָפּ, פאסמאָר מאנדערס. איהר'ט אלץ גע'דאגה'ט וועגען דער מאָרגעדיגער פעסט־רעדע.

מ א נ ד ע ר ס. אָה, איך וואָלט זעהר גערן—

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (מיט אַ ניעדריגען קול) און איך זאָג אייך, אז אזוי איז נאָך בעסער. סאַי ווי סאַי וואָלט דער יתומים־הויז קיינעם ניט געבראכט קיין נוצען.

מ א נ ד ע ר ס. איהר דענקט אז ניט?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. און איהר דענקט, אז יע?

מ א נ ד ע ר ס. וויא עס זאָל ניט זיין, איז עס א שרעקליכער אונגליק.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. לאָמיר וועגען דעם ריידען גאנץ פשוט, וויא וועגען א טרוקענער געשעפטס־זאך. דו וואַרטסט אויפ'ן פאסטאָר, ענגסטראנד?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. (ביים קאָרידאָר־טהיר) יא, מאדאם, איך וואַרט אויף זיי.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. טאָ זעץ דיך אנידער, וואָס שטייסטו?

ע נ ג ס ט ר א נ ד. איך דאנק אייך, מאדאם, איך קען באשטיין.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (צו מאַנדערס) איהר פאָהרט דאָך מסתמא היינט אָב מיט'ן שיף?

מ א נ ד ע ר ס. יא: זיא געהט אָב פון דאנען אין א שטונדע ארום.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. טאָ נעהמט, זייט אזוי גוט, צו אלע פאפיערען מיט אייך. איך וויל וועגען דער געשיכטע מעהר קיין איין וואָרט ניט פערליערען. מיר דרייט זיך געווג דער קאָפּ וועגען אנדערע זאכען.

מ א נ ד ע ר ס. פרוי אלווינג—

פ ר ו י א ל ו י נ ג. שפעטער וועל איך אייך צושיקען א בעפאָלמעכטיגונג, אז איהר מעגט אלץ איינאָרדנען וויא איהר געפינט פאר גלייכער.

מ א נ ד ע ר ס. איך נעהם אויף זיך גערן דיא פליכט אלעם צו בעזאָרגען. דער פריהערדיגער צוועק פון דעם פאָנד וועט שוין איצט, אז אָך און וועה, מוזען אין גאנצען געענדערט ווערען!

פ ר ו י א ל ו י נ ג. נאטירליך, וועט מען איהם מוזען ענדערן.

מ א נ ד ע ר ס. אויב אזוי מיין איך, אז גאָר דיא ערשטע זאך וועל איך דעם הויפעל סאלוויק נעהמען און אָבשרייבען אויף דער געמיינדע. אלץ איז דאך דיא ערד וואס־ניט־איז ווערטה. מען וועט זיא אלע מאָל קענען אויסנוצען פאר וועלכען ניט איז צוועק. און וועגען דעם פראצענט פון דאס געלד, וואס ליעגט אין באנק— וועט פיעללייכט זיין דיא גלייכסטע זאך, אז איך זאָל דאס פערטהאָן אויף וועלכען ניט איז אנשטאלט, וואס בריינגט נוצען דער שטאדט.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. טהוט גראדע וויא איהר פערשטייט. דיא גאנצע זאך הייבט מיך איצט אפילו ניט אָן צו אארען.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. האט אויך אין זינען מיין הכנסת אורחים פאר מאטראָזען, הערר פאסטאָר.

מ א נ ד ע ר ס. יא: דאס איז אויך ניט קיין שלעכטער פלאן. מיר וועלען דאס באדענקען.

ע נ ג ס ט ר א נ ד. א רוח זאָל קומען אויף דיא באדענקענים —האט אויף מיר קיין פאראיבעל ניט!

מ א נ ד ע ר ס. (מיט אַ זיפץ) היינט, ווער ווייס וויא לאַנג איך וועל נאָך גאָר אין גאַנצען זיין דער בעל הבית איבער דעם? דיא ציימונגען קענען נאָך מיך אַזוי פער׳מאוס׳ען אין אַלעמענס אויגען, אַז איך וועל מיך גאָר אין גאַנצען מוזען צוריקציהען. אַלץ ווענדעט זיך אָן דער מיינונג, וואָס די בעאַמטע ווע‏לען אַרויסטראָגען נאָכ־דעם וויא זיי וועלען אונטערזוכען דיא שרפה —

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. וואָס רעדט איהר עס?

מ אַ נ ד ע ר ס. און וואָס זייער מיינונג וועט זיין קען מען אויף קיין פאַל ניט פאָראויסזאָגען.

ע נ ג ס ט ר אַ נ ד. (ער קומט צו נאָהענט צום פאַסטאָר) און איך זאָג, אַז מען קען עס יא פאָראויסזאָגען. פאַרגעסט ניט, אַז איך בין דאָ, הערר פאַסטאָר, יאקאָב ענגסטראַנד.

מ אַ נ ד ע ר ס. יאַ, יאַ, אָבער —

ע נ ג ס ט ר אַ נ ד. (אַ ביסעל שטילער) און יאקאָב ענגסט־ראַנד איז ניט דער מענש וואָס זאָל זיין ערעלען וואָהלטהעטער פער־לאָזען אין אַ נויטה, וויא מען זאָגט.

מ אַ נ ד ע ר ס. יאַ, גוטער מענש — אָבער וויא אזוי? —

ע נ ג ס ט ר אַ נ ד. אויף יאקאָב ענגסטראַנד קען מען זיך פערלאָזען וויא אויף אַ רעטונגס־ענגעל, הערר פאַסטאָר, יאַ, הערר פאַסטאָר.

מ אַ נ ד ע ר ס. ניין, ניין; איך קען אזא זאַך ניט אָנ־נעהמען.

ע נ ג ס ט ר אַ נ ד. אָה! איהר׳ט דאָס אָננעהמען סאַי וויא סאַי. איך קען אַ מענשען, הערר פאַסטאָר, וועלכער האָט שוין אַ מאָל גענומען אויף זיך פרעמדע זינד. יאַ, יאַ, הערר פאַסטאָר.

מ אַ נ ד ע רס. (ער דריקט איהם דיא האַנד) דו ביזט דאָך עפּעס גאָר אַ זעלטענער מענש, יאקאָב. נו, נו, מעגסט שוין זיין רוהיג וועגען דיין הכנסת אורחים. דו וועסט שוין קריגען הילף. מעגסט זיך שוין פערלאָזען אויף מיר. (ענגסטראַנד סטאַרעט זיך איהם אָפּצודאַנקען, נאָר ער קען כלומרשט ניט פאַר גרויס געפיהל.)

מ אַ נ ד ע ר ס. (וואַרפט אַריבער דעם רייזען־טעשעל איבער׳ן

פלייצע) און איצט געהען מיר. קום, ענגסטראַנד, מיר פאַהרען ביידע גלייך.

ע נ ג ס ט ר אַ נ ד. (שטעהענדיג ביים טיהר פון עס־צימער, שטיל צו רעגינאַ'ן) דו, מיידעל, קום אויך. דו'סט ביי מיר לעבען וויא גאָט אין פראַנקרייך.

ר ע ג י נ אַ. (טהוט אַ וואָרף מיט'ן קאָפּ אויף נייין **Merci!** (זי גייט אַרויס אין קאָררידאָר און טראָגט אַריין מאַנדערס'עס מאַנטעל.)

מ אַ נ ד ע ר ס. זייט געזונד, פרוי אַלווינג. און זאָל גאָט געבען, אַז דער גייסט פון געזעץ און אָרדנונג זאָל זיך אַראָפּלאָזען אויף אייער געצעהלט. הלואי זאָל עס געשעהן וואָס גיכער.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. פאָהרט געזונט, מאַנדערס. (זי לאָזט זיך געהן אין דער אָראַנזשערעע, דאַן דערזעהט זיא אָסוואַלד'ן אַריינקו־מען דורך דער סאָד־טיהר.)

ע נ ג ס ט ר אַ נ ד. (ער און רעגינאַ העלפען מאַנדערס'ן אָנטהאָן זיין מאַנטעל) זיי געזונט, מיין קינד. און טאָמער וועט זיך דיר מאַכען דו וועסט חלילה זיין אין עפּעס אַ נויטה, דאַן ווייסטו דאָך וואו יאַקאָב ענגסטראַנד געפינט זיך. (אַפּאַרט) אויף דער קליינער גאַס ביים האַפען, הם—! (צו פרוי אַלווינג און אָסוואַלד) און מיין הויז, וואו דיא מיעדע ים־וואַנדערער וועלען געפינען רוה און שוטץ וועט אויך הייסען: „צום אַנדענקען פון קאַפּיטאַן אַלווינג", יא, אַזוי זאָל עס הייסען! און אויב דער אויבערשטער וועט מיר געבען כחות צו פיהרען דאָס הויז וויא איך וויל, שטעל איך מיך אונ־טער אייך צו פערזיכערען, אַז עס וועט ווערטה זיין צו טראָגען זיין נאָמען.

מ אַ נ ד ע ר ס. (אין טיהר שטעהענדיג) הם—הם! נו, קום שוין, ליעבער ענגסטראַנד. זייט געזונט! זייט געזונט! (אב מיט ענגסטראַנד דורכ'ן קאָררידאָר־טיהר.)

אָ ס וו אַ ל ד. (געהט צו צום טיש) וועגען וואָס פאַר אַ הויז האָט ער דאָס גערעדט?

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. ווייס איך? עפּעס אַ הכנסת אורחים, וואָס ער מיט מאַנדערס'ן ווילען אויסבויען.

אָ ס וו אַ ל ד. זיא וועט אויך אָפּברענען אזוי וויא יענע.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. פאַר וואָס עפּעס דענקסטו אזוי?

אָ ס וו אַ ל ד. אַלץ וועט אָפּברענען. יעטווידע זאַך, וואָס טראָגט נור דעם טאַטענ׳ס נאָמען איז אָב׳געמשפּט צום אונטערגאַנג. אָט איך ברען אויך און וועל באַלד דערברענט ווערען. (רעגינאַ טהוט זיך אַ כאַפּ און גיט אַ קוק אויף אָסוואַלד׳ן).

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. אָסוואַלד! נו זאָג אַליין, אויף וואָס נאָך האָסטו עס בעדאַרפט שטעהן דאָרטען אזוי לאַנג לעבען די פלאַמען? מיין אָרעמער זוהן!

אָ ס וו אַ ל ד. (ער זעצט זיך אַנידער ביים טיש) איך האָב מורא, אז דו ביזט גערעכט.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. לאָמיך דיר אָפּווישען דאָס געזיכט, אָסוואַלד, ביזט אזוי פערשוויצט. (זי ווישט איהם אָפּ דאָס פּנים מיט איהר טאַשענטוך.)

אָ ס וו אַ ל ד. (קוקט גלייכגילטיג פאַר זיך) אַ דאַנק, מאַמע.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. ביזטו ניט מיעד, אָסוואַלד? וואָלסט זיך פיעללייכט געלייגט שלאָפען?

אָ ס וו אַ ל ד. (נערוועז) ניין, ניין — איך קען ניט שלאָפען. איך שלאָף קיינמאָל ניט. דאָס מאַך איך זיך נאַר, אז איך שלאָף. (מיט אַן אומעטיגען קול) דאָס קומט באַלד אָן.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. (קוקט איהם טרויעריג אָן) יא, דו ביזט טאַקע אויף אַן אמת קראַנק, מיין טייערער זוהן.

ר ע ג י נ אַ. (נייגעריג) איז דער העדר אַלווינג קראַנק?

אָ ס וו אַ ל ד. (אונגעדולדיג) אָה, פערשפּאַרט אַלע טיהרען! אָט דער פורכטבאַרער שרעק—

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. פערשפּאַר די טיהרען, רעגינאַ.

(רעגינאַ שפּאַרט צו די טיהרען. ביין קאָררידאָר בלייבט זי שטעהן. פרוי אַלווינג נעהמט אראָפּ איהר פאַטשיילע. דאָס זעלבע טהוט אויך רעגינאַ. פרוי אַלווינג שלעפּט צו אַ שטוהל צו אָסוואַלד׳ן און זעצט זיך אַנידער לעבען איהם).

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אַט אַזוי! איך וועל זיצען לעבען דיר —

אָ ס ו א ל ד. יאַ, איך בעט דיך! און רעגינאַ זאָל דאַ אויך זיין. זאָל רעגינאַ אַלע מאָל זיין לעבען מיר. דו וועסט מיך רע־טען, רעגינאַ, ניט וואהר?

ר ע ג י נ אַ. איך פערשטעה ניט —

פ ר ו י א ל ו י נ ג. רעטען דיך?

אָ ס ו א ל ד. יע — ווען עס וועט קומען די נויטה דערצו.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אָסוואַלד, איז דיר ניט גענוג וואָס דו האָסט דיין מוטער? איך וועל דיך רעטען.

אָ ס ו א ל ד. דו? (ער שמייכעלט) ניין, מאַמע; ד י רע־טונג וועסטו מיר קיינמאָל ניט ברייננגען. (ער לאַכט טרויעריג) דו! כאַ, כאַ! (ער קוקט אויף איהר ערנסט) דאָך, אז איך בעטראַכט די זאַך גוט, דאַרפסטו עס טהאָן גיכער וויא אנאַנדערער. (מיט אַ פלוצ־לונגער ווילדקייט) פאַר וואָס זאָגסטו מיר ניט „דו“, רעגינאַ? פאַר וואָס רופסטו מיך ניט „אָסוואַלד“?

ר ע ג י נ אַ. (שטיל) איך ווייס ניט, אויב פרוי אלווינג וועט דאָס ווע־לען.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אַט באַלד וועסטו האָבען די פולע פרייהייט דאָס צו טהאָן. קום קאַרשט אהער. זעץ זיך לעבען אונז, רעגינאַ. (רעגינאַ זעצט זיך אוועק שטילל און אונענטשלאָסען פון אַנדער זייט טיש) און איצט, מיין ארעמער, געפייניגטער זוהן, לאָז מיך אראָפּנעהמען די משא פון דיין מוח —

אָ ס ו א ל ד. דו גאָר, מאַמע?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. איך וועל ביי דיר צונעהמען די גאַנצע חרטה און די געוויסענסביססע, וועלכע גריזענען דיך אזוי.

אָ ס ו א ל ד. און דו מיינסט טאַקע, אז דו קענסט דאָס דערוויזען?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. יאַ, איצט, אָסוואַלד, קען איך שוין. דו האָסט מיר נאָכמיטאַג דערצעהלט וועגען דער לעבענסלוסט. איז ווען איך האָב דערהערט דעם וואָרט, האָט פאַר מיר אויפגעבליצט

א נייע ליכטיגקייט און פאַר איהר שיין האָב איך מיין לעבען און אַלץ, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט דערזעהען אין אַ שפּאָגעל נייער געשטאַלט.

אָ ס וו אַ ל ד. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) איך פערשטעה ניט וואָס דו רעדסט.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. דו האָסט בעדאַרפט קענען דעם טאַ־טען, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער לייטענאַנט. די לעבענס־לוסט האָט דאַן פון איהם געשלאָגען וויא פון אַ פאָנטאַן.

אָ ס וו אַ ל ד. יע, איך ווייס עס.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. אַז מען פלעגט אויף איהם נור אַ קוק געבען, האָט מען גלייך דערפיהלט אַזוי וויא אַ העללע פריהילינגס־זונן מיט אַ פרישען ווינטעל וואָלטען דיר דורכגעגאַנגען דורך די ביינער. עס האָט אין איהם געפלייצט אוצרות מיט קראַפט און לעבעדיגקייט!

אָ ס וו אַ ל ד. נו, איז וואָס זשע?

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. אָבער ניט קוקענדיג, וואָס ער איז גע־ווען אַ קינד פון לעבענספרייד — אין אמת'ן א י ז ער דאַן טאַקע געווען עהנליך צו אַ קינד — האָט ער געמוזט וואוינען דאָ אין דער קליינער שטאָדט. קיין לעבענספרייד האָט ער דאָ ניט געהאַט, קיינע פערגעניגענס, אַ חוץ אויסגעלאַסענהייט. ער האָט געהאַט קיין לעבענס־צוועק, אַ חוץ אַ שטעלע ביי דער רעגיערונג; עפּעס אַן ארבייט אין וועלכער, ער זאָל זיך קענען אריינוואַרפען מיט לייב און לעבען האָט ער ניט געהאַט, נור אַ פּשוט'ע בעשעפ־טיגונג. ער האָט אפילו ניט געהאַט קיין איין חבר אַ רעכטען, וועלכער זאָל וויסען וואָס דיא לעבענסלוסט איז אַזוינס. דיא איינציגע חברים וואָס ער האָט דאָ געקענט קריגען, זיינען געווען שלאָטעס און ליידאַקעס —

אָ ס וו אַ ל ד. מאַמע!

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. און אויף אַזאַ אופן איז געקומען דאָס, וואָס האָט געמוזט קומען.

אָ ס וו אַ ל ד. וואָס האָט געמוזט קומען?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. דו האָסט דאָך מיר אַליין ערשט אין אבענד געזאָגט, וואָס פון דיר וועט ווערען, אויב דו בלייבסט דאָ.

אָ ס וו א ל ד. ניט שוין זשע מיינסטו צו זאָגען, אז דער טאַטע — — ?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. דיין אָרעמער טאַטע האָט דאָ ניט גע־קענט געפינען, וואו ארויסצולאָזען דעם שטראָם לעבענסלוסט וואָס האָט אין איהם געקוואָלען. און נאכדעם אז ער האָט פאר מיר חתונה געהאָט, האָב איך איהם אויך ניט געבראַכט קיין גליק אין הויז.

אָ ס וו א ל ד. דו אויך ניט?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. פון וואַנען האָב איך עס געזאָלט נעה־מען? אין דער הויז, וואו איך האָב זיך געהאָדעוועט, האָט מען מיר פאראיינס גערדרומעלט א קאָפּ וועגען פליכטען און ענליכע זאַכען, און איך האָב געמיינט, אז דאָס איז אַלץ תורת לאָקשען. דאָס פערהייראַטהע לעבען האָט מען פאר מיר פאָרגעשטעלט אזוי וויא עפּעס א מין לאַנד־קאַרטע מיט פליכטען. דאָ זיינען געווען מיינע פליכטען, דאָ זיינע פליכטען. האָב איך טאַקע מורא, אז אָנ־קומענדיג צו דיין אָרעמען טאַטען אין הויז, האָב איך זי טאַקע גע־מאַכט פאר א גיהנום.

אָ ס וו א ל ד. פאר וואָס האָסטו מיר וועגען דעם קיינמאָל ניט געשריעבען?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. דאָס איז דערפאַר, ווייל איך האָב די זאַך קיינמאָל ניט פערשטאַנען אזוי ווי איך פאַרשטיי זי איצט. און לויט וויא איך האָב אויף דערויף דאַן געקוקט, האָב איך ניט געוואָגט צו ריידען צו דיר, צום זוהן, פון דיין טאַטען׳ס ארט לעבען.

אָ ס וו א ל ד. וויא האָסטו דיא זאַך דאַן פערשטאַנען?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (לאַנגזאַם) איך האָב נור פערשטאַנען די איין זאַך, אז נאָך איידער דו ביסט געבוירען געוואָרען, איז שוין דיין פאָטער געווען א געבראָכענער מאַן.

אָ ס וו א ל ד. (שטיל) אה! (ער שטעהט אויף און געהט אָפּ צום פענסטער.)

פ ר ו י א ל ו י נ ג. א צווייטע זאַך, וואָס איז מיר נאכדעם טאג־טעגליך ניט ארוים פון קאָפּ איז געווען, אז על פּי יושר געהערט דאָ רעגינא אין דער שטוב— ניט א האָאָר ווענינגער איידער מיין אייגענער זוהן.

אָ ס וו א ל ד. (דרעהט זיך שנעל אום) רעגינא!

ר ע ג י נ אָ. (שפּרינגט אויף און פרעגט מיט אַן איינגעהאַלטע־נעם אָטהעם) איך?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. יאָ, איצט ווייסט איהר עס שוין, איהר ביידע.

אָ ס וו א ל ד. רעגינא!

ר ע ג י נ אָ. (פאַר זיך) הייסט דאָס, עס איז טאקע אמת, וואָס מען זאָגט; דיא מאַמע איז טאקע געווען פון דעם סאָרט.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. דיין מאַמע האָט אָבער אין זיך געהאַט פיעל גוטעס, רעגינא.

ר ע ג י נ אָ. נו, יאָ, וואָס מאכט דאָס אוים, אבי זי איז געווען פון דעם סאָרט. אָה! איך האָב עס א סך מאָל פערדעכטיגט; נור — און איצט, מאַדאַם, ווילט איהר זיין אזוי גוט און מיך גלייך אָפּלאָזען פון דאַנען?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. וויא? דו ווילסט דאָס טאקע מיט אַן אמת, רעגינא?

ר ע ג י נ אָ. געוויס וויל איך.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. נאַטירליך, איך האָב קיין רעכט ניט דיך צו פערהאַלטען; אָבער —

אָ ס וו א ל ד. (געהט צו רעגינאַ'ן) איצט ווילסטו אוועקגעהן פון דאַנען? איצט, אז דו ווייסט, אז דאָס איז דיין היים?

ר ע ג י נ אָ. Merci! הערר אלווינג! — אָדער בעסער, איצט פאַר וואָס זאָל איך איך טאקע ניט רופען „אָסוואלד"? פער־שטעהט איהר מיך, ניט אויף דערויף האָב איך זיך גערירכט.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. רעגינא, איך בין ניט געווען אָפענהער־ציג מיט דיר —

רעגינא. ניין, גאָר ניט אָפּענהערציג. ווען איך וואָלט וויסען, אז אָסוואַלד איז קראַנק, דאַן — און איצט ווידער, אז עס קען שוין צווישען אונז קיין מאָל צו קיין ערנסטעס ניט קומען — אָה, וואָס מיינט איהר אין דער אמת'ן, אז איך וועל נעהמען אָפּ־פינסטערען מיינע יונגע יאָהרען דאָ אין דאָרף און ניאַנטשען זיך מיט קראַנקע?

אָסוואַלד. אָבער דער קראַנקער איז דאָך דיר אַזוי נאָהענט?

רעגינא. ניין, דאָס איז ניט פאַר מיר אַן ארבייט. אַן אָרעמע מיידעל וויא איך דאַרף זעהן אויסנוצען איהרע יונגע יאָה־רען וויא ווייט זיא קען נור, אום צו קומען צו עפּעס א תכלית. אז ניט, בלייבט זיא זיצען אויף דער מילכיגער באַנק, נאָך איידער זיא זעהט זיך ארום וואו זיא איז ערגעץ אויף דער וועלט. און, פאַר־געסט ניט, פרוי אַלווינג, אז אין מיר איז אויך דאָ דיא לעבענסלוסט.

פרוי אַלווינג. יאָ, און מען זעהט עס אין טאָקע אָן אויך. דאָך, רעגינא, היט זיך. וואַרף זיך ניט אריין ווילדערהייט מיט'ן קאָפּ אין פייער.

רעגינא. עט, וואָס עס מוז זיין, מוז דאָך זיין. אויב אָסוואַלד איז געראָטען אין טאַטען, פאַר וואָס זאָל איך ניט זיין געראָטען אין דער מאַמען? איך וויל נור ביי אייך פרעגען איין זאַך, מאַדאַם: ווייס הערר מאַנדערס פון אַלעם דעם?

פרוי אַלווינג. הערר מאַנדערס ווייס אַלץ.

רעגינא. (זי טהוט שנעל אָן דיא פאַטשיילע) אויב אַזוי, טאָ לאָמיך זיך בעסער צואיילען און נאָך היינט אָפּפאָהרען מיט דער שיף. מיט'ן פּאַסטאָר מאַנדערס איז דאָך אַזוי גוט צו האַנדלען. און מכח רעכט, האָב איך זיכער ניט ווייניגער רעכט אויף א ביסעל פון דעם געלד, וואָס ליגט אין באַנק איידער ער — אָט דער שוויינישער סטאָליער.

אַלווינג. איך פערגין עס דיר מיט'ן גאַנצען הארצען, רעגינא.

רעגינא. (קוקט זיא אָן שטייף) פון דעסטוועגען, מאַדאַם,

האָט איהר מיר געמעגט געבען א ביסעל א ליטישערע ערציהונג, וויא עס פּאסט פאר א פּריץ'ס א טאָכטער. דאָס וואָלט זיך פּאר מיר אַ סך בעסער געטויגט. (טהוט אַ וואָרף מיט'ן קאָפּ) נו, איצט איז שוין פערפאַלען. עט, האָב איך אַ זאָרג! (מיט אַ ביטערען בליק פון דער זייט אויף דער ניט געעפענטער פלאַש.) סאַי ווי סאַי, איך וועל נאָך אפשר אמאָל דאָך טרינקען מיט פריצים שאמפּאַניער.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. פון דעסטוועגען, רעגינא, טאָמער וועט דיר אַמאָל אויסקומען שלעכט און דו וועסט זיך נויטהיגען אין א היים, טאָ קום דאן צו מיר.

ר ע ג י נ א. ניין, אַ גרויסען דאנק, מאדאם. דער העדר מאַנדערס וועט שוין מיך פערזאָרגען, נישט קשה, ער'ט שוין פער־זאָרגען. און טאָמער וועט אפילו קומען גאָר שלעכט, וויים איך כּאָטש איין הויז, וואו איך האָב א פאָלשטענדיגעס רעכט צו זיין דאָרטען.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. וואָס פאר א הויז מיינסטו?

ר ע ג י נ א. איך מיין דאָס הויז „צום אנדענקען פון קאַפּי־טאַן אלווינג".

פ ר ו י א ל ו י נ ג. נו, רעגינא, — איצט זעה איך שוין קלאָהר — דו ווילסט ניט אנדערש וויא פארשפּיעלען דיין קאָפּ!

ר ע ג י נ א. עט! אַ גוטע נאכט. (טהוט אַ נייג מיט'ן קאָפּ און געהט אָב דורכ'ן קאָרידאָר).

אָ ס וו א ל ד. (שטעהט ביים פענסטער און קוקט אַרויס דרויסען) זיא איז שוין אוועק?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. יאָ.

אָ ס וו א ל ד. (מורמעלט אַפּאַרט) איך האָב מורא, אז דאָס איז געווען גאָר ניט רעכט, אַט דיא גאַנצע געשיכטע.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (געהט צו איהם צו פון הינטען און לייגט אַרויף איהרע הענד אויף זיינע אַקסלען) אָסוואַלד, מיין ליעבער זוהן, האָט דאָס אַלץ דיר געגעבען אַ צו שטאַרקען קלאַפּ?

אָ ס וו א ל ד. (דרעהט אוים דאָס געזיכט צו איהר) וואָס מיינסטו? דאָס אַלץ, וואָס דו האָסט מיר דערצעהלט וועגען טאַטען?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. יא, דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דיר דערציילט וועגען דיין אונגליקליכען טאַטען. אָה, איך האָב זעהר מורא, אַז דאָס איז פאַר דיר געווען אַ צו שטאַרקער קלאַפּ.

אָ ס וו א ל ד. פאַר וואָס דוכט זיך דאָס דיר אַזוי אָפּ? נאַ־טירליך, איז דאָס פאַר מיר אַ גרויסער חידוש. אָבער, נאָך אַלעמען, וואָס איז מיר ניט אַלץ איינס?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (נעהמט פון איהם אַראָפּ דיא הענד) אַלץ איינס! דיך אַרט גאָר ניט וואָס דיין טאַטע איז געווען אַזוי ענד־לאָז אונגליקליך?

אָ ס וו א ל ד. נאַטירליך, איך בעדויער איהם ניט ווייניגער איידער איך וואָלט בעדויערט יעדען אַנדער'ן מענשען; אָבער —

פ ר ו י א ל ו י נ ג. און מעהר ניט? אַן אייגענעם טאַטען?

אָ ס וו א ל ד. (אַרויס פון געדולד) אַך, הער שוין אַ מאָל אויף! ווידער טאַטע און אָבער טאַטע! צי האָב איך איהם גע־קענט? צי האָב איך איהם געוואוסט? די איינציגע זאַך, וואָס איך געדענק פון איהם איז, אַז ער האָט מיך אַ מאָל קראַנק געמאַכט.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אָסוואַלד, ווי קענסטו דאָס זאָגען אַזעלכע שרעקליכע ווערטער? דאַרף דען ניט אַ זוהן ליעב האָבען זיין פאָטער אין יעדען פאַל?

אָ ס וו א ל ד. גלאַט ליעבען? אפילו דאַן, ווען דער זוהן האָט קיין זאַך ניט פאַר וואָס דעם פאָטער צו דאַנקען? ווען ער האָט איהם קיינמאָל ניט געקענט? צי דו האַלטסט אויך פון אָט דעם אַלטען אַבערגלויבען? דאַכט זיך אין אַנדערע הינזיכטען ביזטו אַזוי אויפגעקלעהרט?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אַלזאָ, ביי דיר איז עס ניט מעהר וויא אַן אַבערגלויבען —?

אָ ס וו א ל ד. נו, געווים, פערשטעהסטו דאָס ניט אַליין, מוטער? דאָס איז איינע פון יענע מיינונגען, וועלכע וויבאַלד אַז מען האָט זיי איינמאָל א ר ו י ס ג ע ל אָ ז ע ן אויפ'ן לעבענס־מאַרק—

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (מיט גרוים געפיהל) גייסטער פון יענער וועלט!

אָ ס ו א ל ד. (טרעט אַריבער איבער'ן צימער) יע; גאַנץ ריכטיג; גייסטער פון יענער וועלט.

פ ר ו י אַ ל ו י נ ג. (ווילד) אָסוואַלד! — אויב אַזוי, טאַ ליעבסטו דאָך מיך אויך ניט!

אָ ס ו א ל ד. דיך קען איך דאָך, לכל הפחות.

א ל ו י נ ג. יאַ, דו קענסט מיך; און ווייטער גאָר נישט?

אָ ס ו א ל ד. א חוץ דעם ווייס איך דאָך, אז דו האָסט מיך זעהר ליעב. מוז איך דיר טאַקע זיין זעהר דאַנקבאַר. דערצו נאָך בין איך קראַנק, און דו קענסט מיר זיין זעהר בעהילפיג.

א ל ו י נ ג. געווים אַזוי, אָסוואַלד, ניט אמת? איך בין שיער בערייט צו פריעען זיך מיט דיין קראַנקהייט, וואָס צוליעב איהר ביזטו דאָך געקומען צוריק אהיים. וואָרים, איך זעה דאָך גאַנץ קלאָהר, אז דו ביסט נאָך גאָר ניט מיינער. איך דאַרף נאָך ערשט פערדיענען דיין ליעבע.

אָ ס ו א ל ד. (אונגעדולדיג) אָבער גענוג שוין, גענוג! דאָס איז דאָך אַלץ פוסטע פראַזען. פאַרגעס ניט, מאַמע, אז איך בין א קראַנקער מענש. איך קען זיך ניט פערנעהמען צופיעל מיט אַנדערע. איך האָב גענוג וואָס צו טראַכטען וועגען מיר אַליין.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (שטילל) מיין זוהן, איך וועל פון דיר פיעל ניט פערלאַנגען. איך וועל זיין געדולדיג. דו וועסט מיך זעהר גרינג קענען צופריעדען שטעלען.

אָ ס ו א ל ד. וועסטו אויך זיין לוסטיג און פריילאך, מאַמע?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. יאַ, מיין טהייערער זוהן, ביזט גאַנץ גערעכט. (גייט צו איהם צו) נו, זאָג מיר איצט, האָב איך דיך כאָטש בעפרייט פון דיין חרטה, פון דיינע געוויסענסביסע?

אָ ס ו א ל ד. יע, דאָס האָסטו ביי מיר צוגענומען. אָבער ווער וועט מיך בעפרייען פון דעם שרעק?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. דער שרעק?

אַ ס וו אַ ל ד. (שפּאַצירט אַרום איבער'ן צימער) ביי רעגני־
נאַ'ן וואָלט איך עס געקענט פּועל'ן.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. איך פערשטעה דיך ניט. וואָס רעדסטו אַלץ וועגען עפּעס אַ שרעק — און וועגען רעגינאַ'ן?

אַ ס וו אַ ל ד. איז איצט זעהר שפּעט, מאַמע?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. עס איז שוין פאַר טאָג. (זיא קוקט אַרוים דורך דיא שויבען פון דער אָראַנזשערעע) אָן צוגיסט זיך שוין דער באַגינען איבער די שפּיצען פון די בערג. עס פערנעהמט זיך אַ שעהנער טאָג, אָסוואַלד. אין אַ ווײַלע אַרום וועסטו דערזעהן די זון.

אַ ס וו אַ ל ד. דאָס דערפרייט מיך. אָה! אפשר וועל איך נאָך האָבען פיעל פרייד? אפשר נאָך האָבען פיעלעס צוליעב וואָס צו לעבען אויף דער וועלט—?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. יע, געווים. פיעל, זעהר פיעל!

אַ ס וו אַ ל ד. כאָטש אפילו איך וועל ניט קענען אַרבייטען —

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אָה, מיין זוהן, דו וועסט באַלד ווידער זיין אימשטאַנדע צו אַרבייטען. איבערהויפּט איצט, אַז דיין געוויסען וועט דיך מעהר ניט פּלאָגען און דו וועסט ניט זיין אַזוי פערזונקען אין דיינע פינסטערע געדאַנקען.

אַ ס וו אַ ל ד. יע, טאַקע גוט, וואָס דו האָסט מיך בעפרייט פון דיא אַלע איינריידעניסען. איצט פעהלט מיר נאָר צו בעזאָרגען נאָך איין זאַך— (זעצט זיך אויפ'ן סאָפקע) איצט, מאַמע, לאָמיר זיך קאָרשט אַ ביסעל דורכשמועסען.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. יאַ, מיין קינד, לאָמיר ריידען. (זיא שטופּט צו אַ קרעסלע צום סאָפקע און זעצט זיך אין איהר אַנידער נאָהענט לעבען איהם.)

אַ ס וו אַ ל ד. און דערווײַלע, ווי מיר וועלען זיך אַזוי רייד־ דען, וועט אויפגעהן די זון. דאַמאָלס וועט דיר שוין אַלץ קלאָהר זיין. און איך וועל שוין דאַמאָלס זיין בעפרייט פון דעם שרעק.

א ל ו י נ ג. וואָס מיינסטו וועט מיר קלאָהר זיין?

אַ ס וו אַ ל ד. (ער הערט זיך ניט צו צו איהרע רייד) מאַמע

האָסטו מיר ניט געזאָגט ערשט אין אבענד, אז קיין זאַך אין דער וועלט וועסטו מיר ניט אָפּזאָגען?

אַ ל וו י נ ג. געוויס האָב איך עס געזאָגט.

אָ ס וו אַ ל ד. וועסטו האַלטען וואָרט, מאַמע?

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. מעגסט זיך אויף מיר פערלאָזען, מיין ליעבער און איין־איינציגער זוהן. איך האָב קיין זאַך ניט צוליעב וואָס צו לעבען אויף דער וועלט, א חוץ דיר אַליין נאָר.

אָ ס וו אַ ל ד. נו, אויב אַזוי, איז גוט. איצט הער, מאַמע. דו האָסט אַ שטאַרקען, פעסטען כאַראַקטער. דאָס האָב איך שוין אויסגעפינען. און דעריבער זאָלסטו נור בלייבען רוהיג, ווען דו וועסט עס דערהערען.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. אָה, וואָס פאַר אַ שרעקליכע זאַך ווילסטו עס מיר דערצעהלען?

אָ ס וו אַ ל ד. געדענק זשע, נאָר ניט מאַכען קיין קולות, דו הערסט? זאָגסטו עס מיר צו? מיר וועלען זיך זיצען און דורכריידען זיך וועגען דעם גאַנץ געלאַסען. נו, זאָג זשע מיר צו, מאַמע.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. יאַ, יאַ; איך זאָג דיר צו, אַבי נור רייד.

אָ ס וו אַ ל ד. אויב אַזוי, טאָ וויים זשע, אז די גאַנצע מיעד־קייט מיינע, און דאָס וואָס איך קען אפילו ניט קלערען וועגען אַרבייטען— אז דאָס אַלץ איז נאָך ניט די סאַמע קראַנקהייט מיינע.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. טאָ וואָס זשע איז די סאַמע קראַנקהייט?

אָ ס וו אַ ל ד. די קראַנקהייט, וועלכע איך האָב אַלס מתנה פון מיין געבורט (ער צייגט אָן אויפ'ן שטערן און לייגט צו זעהר שטיל) — געפינט זיך אָט דאָ אָ.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. (שיפּעט אַרויס כמעט וויא אָהן אַ שטימע) אָסוואַלד! ניין, ניין! דאָס איז ניט אמת.

אָ ס וו אַ ל ד. נור ניט געשריען. איך קען דאָס ניט אַרי־בערטראַגען. יאַ, אָט אָ דאָ ליעגט זיא, דיא קראַנקהייט, זיא ליעגט און לויערט איבער מיין קאָפּ. און זיא קען יעדען טאָג אַרויסשפּרינ־גען פון איהר באַהעלטעניס — יעדע רגע.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. אָה, וואָס פאַר אַ גרייל!

אָ ס וו אַ ל ד. געדענק זשע, זיי שטיל. איז אָט אַזוי האַלט עס מיט מיר —

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. (שפּרינגט אויף) אָבער, אָסוואַלד, דאָס איז דאָך ניט אמת! דאָס איז דאָך אונמעגליך! דאָס קען דאָך ניט זיין!

אָ ס וו אַ ל ד. איין אָנפאַל האָב איך שוין געהאַט דאָרטען, אין אויסלאַנד, נור ער איז באַלד פאַראיבערגעגאַנגען. און ווען איך האָב מיך ערקונדיגט, וואָס מיט מיר טהוט זיך, האָט מיך דער שרעק אָנגעבאַפּט מיט אַ ווילדע, שטורמדיגע קראַפט און האָט מיך גענומען טרייבען און יאָגען; און דעריבער בין איך עס אַזוי שנעל געקומען צופליהען אַהערצו.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. איז אָט דאָס איז עס דער שרעק? —!

אָ ס וו אַ ל ד. יאַ, דאָס איז, פערשטייסטו, אַזוי פורכטבאַר, אַז מען קען דאָס גאַר ניט אויסמאָהלען. הערסטו, ווען דאָס וואָלט געווען אַ געוויינליכע קראַנקהייט, אפילו אַזאַ קראַנקהייט, פון וועלכער מען מוז זיכער שטאַרבען —! וואָרים, איך האָב גאַר ניט אַזוי שטאַרק מורא פאַר'ן טויט — כאָטש, וואָס אמת איז אמת, איך וואָלט זעהר גערן געלעבט זאָלאַנג וויא עס וואָלט זיך נור געלאָזט.

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. יאַ, יאַ, אָסוואַלד, דו מוזט לעבען!

אָ ס וו אַ ל ד. דאָס אָבער, פערשטעהסטו, איז אַזוי אונבעשרייבליך אָבשייליך! דער מענש ווערט צוריק אַ קליין קינד! מען דאַרף איהם קאָרמענען! מען דאַרף איהם—אָה, איך קען וועגען דעם ניט ריידען!

פ ר ו י א ל ו ו י נ ג. זוהן מיינער, אַז דו וועסט ווערען צוריק אַקינד, וועל איך זיך מיט דיר ניאַנטשען.

אָ ס וו אַ ל ד. (שפּרינגט אויף) קיינמאָל אין לעבען ניט! אָט דאָס איז דאָך עס טאַקע וואָס איך וויל אַזוי ניט האָבען. איך קען ניט אַריבערטראָגען דעם געדאַנק, אַז אפשר וועל איך אַזוי אָפּליגען יאָהרען גאַנצע — אפשר נאָך אַזוי אַלט און גרוי ווערען. דערווייל קענסטו נאָך אָוועקשטאַרבען און מיר איבערלאָזען אַליין.

(ער זעצט זיך אריין אין איהר קי׳עסלע) וואָרים, דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט, אַז ניט אַלע מאָל שטאַרבט מען גלייך דערפון. ער האָט דאָס אָנגערופען עפּעס א סאָרט ווייכקייט אין מאָרך אָדער עטוואָס עהנליכעס. (ער שמייכעלט טרויעריג) אַ גאַנץ שיינער נאָמען, ניט אמת? עס דערמאָנט מיך אַלע מאָל אויף קאַרשען־רויטען סאַמעט — אויף עפּעס א זאַך, וואָס ווען מען גלעט עס, איז עס אַזוי ווייך און צאַרט.

פרוי אַלווינג (שרייט אויס) אָסוואַלד!

אָ ס וו אַ ל ד. (שפּרינגט אויף און געהט שנעל אַרום איבער׳ן צימער) טאָמער האָט נאָך עפּעס געפעהלט, האָסטו ביי מיר רעגינאַ׳ן אויך צוגענומען. אָ, ווען איך וואָלט זי נור געקענט האָבען לעבען זיך. אַה, זיא וואָלט מיך שוין געראַטעוועט, נישט־קשה.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. (געהט צו איהם) און וואָס מיינסטו ד ע ר מ י ט, מיין ליעבער זוהן? איז דען דאָ עפּעס אַ מיטעל אין דער גאַנצער וועלט, וועלכען איך וואָלט ניט אָנגעווענדעט אום דיך צו רעטען?

אָ ס וו אַ ל ד. נאכדעם וויא איך בין איבערגעקומען דעם ערשטען אָנפאַל אין פּאַריז, האָט מיר דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז ווען דער צווייטער אָנפאַל וועט קומען — און קומען וועט ער — וועט שוין זיין פערלאָרען יעדע האָפנונג.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. מען דאַרף דאָך זיין א מענש אָהן א האַרץ אַזוי צו ריידען—

אָ ס וו אַ ל ד. דאָס האָב א י ך פון איהם אַרויסגעפּאָדערט. איך האָב איהם געזאָגט, אז איך דאַרף וואָס בעזאָרגען, איך דאַרף מאַכען געוויסע פּאָרבערייטונגען. (שמייכעלט שעלמיש) און דאָס איז טאַקע געווען אמת אויך. (ער נעהמט אַרויס אַ קליין שאַכטעלע פון אַן אינעווייניגסטער בוזים־קעשענע.) דו זעהסט, מאַמע?

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. וואָס איז דאָס?

אָ ס וו אַ ל ד. מאָרפיום.

פ ר ו י אַ ל וו י נ ג. (קוקט אויף איהם מיט טויט־שרעק) אָסוואַלד — מיין קינד!

אָ ס וו אַ ל ד. איך האָב שוין צונויפגעשאַרט גאַנצע צוועלף פּילען—

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (גיט זיך אַ ריס צום שאַכטעל) גיב מיר דאָס שאַכטעל, אָסוואַלד!

אָ ס וו אַ ל ד. נאָך ניט איצט, מאַמע. (ער בעהאַלט דאָס שאַכטעל צוריק אין בוזים־קעשענע.)

פ ר ו י א ל וו י נ ג. אָה, איך וועל דאָס ניט איבערלעבען!

אָ ס וו אַ ל ד. דו מוזסט דאָס איבערלעבען. דו פערשטייסט? ווען איך וואָלט ביי מיר געהאַט רעגינאַ'ן, וואָלט איך איהר געגעבען צו ערקלערען, וויא עס האַלט מיט מיר אויף דער וועלט, און וואָלט איהר געבעטען, אז ווען דאָס ערגסטע וועט געשעהן, זאָל זיא מיך רעטען. אָה, זיא וואָלט דאָס געטהאָן. איך וויים, אז זיא וואָלט דאָס געטהאָן.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. קיינמאָל ניט!

אָ ס וו אַ ל ד. וואָס רעדסטו? זיא וואָלט מיך ניט גערעטעט, ווען אָט דער גרויל וואָלט אָנקומען און זיא וואָלט מיך זעהן ליגענ־דיג אָהנע אַ קעהר צו טהון זיך, אזוי וויא אַ ניי־געבאָרענע עופה'לע, גאָר אָהן כחות, פערלאָרען; אָהן וועלכע עס איז האָפנונג, מיך צוריק צו ברענגען צו זיך?

פ ר ו י א ל וו י נ ג. קיינמאָל אין לעבען וואָלט רעגינא אזא זאַך ניט געטהאָן.

אָ ס וו אַ ל ד. רעגינא וואָלט דאָס יא געטהאָן. טאָמער איז זיא אזוי זעלטען לייכטזיניג! אַ חוץ דעם וואָלט איהר באַלד נמאס ווערען ארומצופיהרען זיך מיט אזא קראַנקען וויא איך—

פ ר ו י א ל וו י נ ג. אויב אזוי, דאַן דאַנקען גאָט וואָס רעגינאַ איז שוין דאָ מעהר ניטאָ.

אָ ס וו אַ ל ד. דעריבער, מאַמע, מוזסטו מיך רעטען.

פ ר ו י א ל וו י נ ג. (מיט אַ שאַרפען געשריי) איך!

אָ ס וו אַ ל ד. ווער איז מיר נאָך אזוי נאָהענט וויא דו?

פ ר ו י א ל וו י נ ג. איך? דיין מוטער?

אָ ס וו אַ ל ד. אָט טאַקע ווייל דו ביזט מיין מוטער.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. איך, וועלכע האָט דיר געגעבען דאָס לעבען ? !

אָ ס וו אַ ל ד. איך האָב עס ביי דיר קיינמאָל ניט געבעטען. און אין אמת'ן האָסטו דאָך מיר געגעבען זעהר א טהייערען לעבען! אויף כפרות דארף איך אזא לעבען. דו מוזט עס צונעהמען פון מיר!

פ ר ו י א ל ו י נ ג. ראַטעוועט! ראַטעוועט! (זי לויפט אַרויס אין קאָרידאָר.)

אָ ס וו אַ ל ד. (גייט נאָך איהר) גיי ניט אוועק פון מיר. וואוהין גייסטו?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (פון קאָרידאָר) איך לויף ברענגען א דאָקטאָר, אָסוואַלד. לאָז מיך גיין.

אָ ס וו אַ ל ד. (אויך פון קאָרידאָר) איך זאָג דיר, דו וועסט פון דאַנען ניט ארויס, און קיינער וועט אהערצו ניט אריין. (עס הערט זיך וויא מען פערשליסט א טהיר.)

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (קומט אריין צוריק) אָסוואַלד— אסוואַלד! — מיין קינד!

אָ ס וו אַ ל ד. (קומט אריין נאָך איהר) אויב דו האָסט דיא הארץ פון א מוטער, טאָ וויא אזוי קענסטו צוזעהן דיא יסורים וואָס איך האָב פון אָט דעם ווילדען, משונה'דיגען שרעק?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (שווייגט א רגע, דערנאָך בעהערשט זיא זיך און זאָגט:) אָט נאַ דיר א האַנד.

א ס וו א ל ד. דו וועסט—?

פ ר ו י א ל ו י נ ג. אויב עס'ט נור זיין נויטיג. אבער דאָס וועט דאָך קיינמאָל ניט זיין נויטיג. ניין, ניין; דאָס איז אונמעגליך.

א ס וו א ל ד. הלואי. לאָמיר האָפען אז ניט. און דער־ווייל לאָמיר לעבען צוזאַמען כל זמן נור מיר וועלען קענען. איך דאַנק דיר, מאַמע. (ער זעצט זיך אין דער קרעסלע אין וועלכער פרוי אלווינג איז פריהער געזעסען. עס הייבט שוין אָן צו טאָגען. דער לאָמפּ ברענט נאָך אויפ'ן טיש.)

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (רוקט זיך צו איהם פאַרזיכטיג צו) איצט ביזטו שוין רוהיג?

א ס וו א ל ד. יע.

פ ר ו י א ל ו י נ. (בויגט זיך איבער איהם איבער) אָה, אסוואלד, דו האָסט זיך אריינגענומען א שרעקליכע פאַנטאזיע אין קאָפּ — ניט מעהר וויא אַ פאַנטאזיע. דו האָסט זיך צופיעל אויפגערעגט דאָרטען אין פאריז. דו האָסט עס ניט געקענט פערטראָגען. אבער איצט אָ װעסטו זיך ביי מיר גוט אויסרוהען; דאָ אין דער היים לעבען דער מאַמען, מיין ליעב קינד. דארפסט נור אויף עפּעס אנצייגען מיט'ן פינגער, אזוי װעסטו עס גלייך האָבען, פונקט אזוי וויא ווען דו ביזט נאָך געוועזען אַ קליין קינד. אָט אזוי, אָ, מיין זוהן. זעהסט, דער קריזיס איז שוין פאַראיבער. דו זעהסט וויא גרינג ער איז פאַראיבער? אָה, אבער איך האָב געוואוסט אפריהער, אז אזוי וועט דאָס זיין — און אָט אַ אסוואלד, זעה ס'ארא שיינעם טאָג מיר װעלען דאָס היינט האבען! וואָס פאַר אַ גאָלדענעם זונען־שיין! אָט איצט װעסטו ערשט קענען גוט אָנקוקען דיין היים. (זיא געהט צו צום טיש און לעשט אויס דעם לאָמפּ. דיא זונן געהט אויף. דיא אייז־לאַווינען און די שפּיצען פון דיא שנייאיגע בערג זעהן זיך אָן אין הינטערגרונד, בעלויכטען פון בליטצענדע, אין־דער־פריהדיגע ליכטיגקייט.)

א ס וו א ל ד. (זיצט אין קרעסלע מיט'ן רוקען צום לאַנדשאַפט אָהנע אַ ריהר צו טהון זיך. פּלוצלונג זאָגט ער:) מאַמע, גיב מיר דיא זונן.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (ביים טיש. זיא גיט זיך אַ כאַפּ און טהוט אויף איהם אַ קוק) וואָס זאָגסטו עס?

א ס וו א ל ד. (ער ווידערהאָלט מיט אַ טעמפּער שטימע אָהן טענער) דיא זונן, דיא זונן.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (גייט צו איהם צו) אסוואלד, וואָס איז דאָס מיט דיר?

(א ס וו א ל ד ווערט אזוי וויא איינגעשרומפּפען אין שטוהל;

אַלע מוסקולען ווערען ביי איהם לויז. דאָס געזיכט איז אָהן שום אויס־
דרוק, דיא אויגען זיינען אויסגעשטעלט וויא פערגלעזטע.)

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (ציטערט פאַר שרעק) וואָס איז דאָס?
(שרייט מיט אַ קוויטש) אסוואלד, וואָס איז מיט דיר? (פאַלט אויף
דיא קניע לעבען איהם און טרייסעלט איהם) אסוואלד! טהו אויף
מיר אַ קוק! דערקענסטו מיך ניט?

אָ ס ו א ל ד. (וויא פריהער, אָהן אַ טאָן אין דער שטימע) דיא
זונן, דיא זונן.

פ ר ו י א ל ו י נ ג. (שפּרינגט אויף פערצווייפעלט, פלעכט
איין דיא הענד אין דיא האָאר און שרייט מיט אַ קוויטש) איך קען
דאָס ניט אריבערטראָגען! (שעפּצעט אזוי וויא אַ פערשטיינערטע)
איך קען דאָס ניט אריבערטראָגען! קיינמאָל ניט! (פּלוצלונג
גיט זיא זיך אַ כאַפּ) אוואו האָט ער זיי ערגעץ? (פיהרט שנעל
אַריבער איהר האַנד איבער אסוואלד'ס ברוסט, טאַפּענדיג) אָט זיינען
זיי! (שפּרינגט אָב אַהינטער עטליכע טריט און שרייט אויס:) ניין;
ניין; ניין! יאָ!— ניין; ניין! (זיא בלייבט שטעהן איניגע
טריט אָבגערוקט פון איהם מיט דיא הענד איינגעפלאָכטען אין דיא
האָאר און קוקט אויף איהם מיט אַ שטומען שרעק.)

אָ ס ו א ל ד. (ער זיצט אונבעוועגליך וויא פריהער און זאָגט:)
דיא זונן. דיא זונן.

(פ אָ ר ה אַ נ ג.)

ליטעראַרישער פערלאַג

ס. נ. מייזעל און דר. ק. פארנבערג

(קאַטאַלאָג)

אָריגינעלע ווערקע פון

ה. אַלעקסאַנדראָוו, דר. מ. באַראַנאָוו, י. גאָרדין, ד. הערמאַלין, מ. ווינטשעווסקי, פ. וויערניק, דר. ה. זאָלאָטאַראָוו, דר. ח. זשיטלאָווסקי, יהואש, י. כהן, ז. ליבין, דר. י. א. מעריסאָן, ד. פינסקי, דר. ק. פאַרנ־בערג, ב. פייגענבוים, א. פרומקין, דר. אב. קאַספע, מ. קאַריפּלאָוו, מ. קאַפּלאַן, פ. קראַנץ און מאָריס ראָזענפעלד.

פון דער וועלט־ליטעראטור. טרייע איבערזעצונגען פון די בעסטע ווערקע פון די פאָלגענדע פערפאַסער:

ה. איבסען, ל. אנדרעיעוו, ב. ביערנסאָן, פ. האָל־לענדער, א. ווײַלד, טהארא, ל. נ. טאָלסטאָי, א. טשעהאָוו, א. טורגענעוו, דזש. סט. מילל, מ. מע־טערלינק, ה. ספּענסער, א. סטרינדבערג, דר. פ. עלצבאַכער, ס. פּשיבישעווסקי, אליוו שרײַנער, ה. קאַמפף.

די ווערקע זיינען פאר דעם פערלאַג איבערזעצט און איינגעלייטעט פון:

אָלגין, אָלעקסאַנדראָוו, בעל מחשבות, גאָלדווין, דיוויד, וואַרשע, מ. ווינטשעווסקי, דר. זאלאָטאַראָוו, ק. טעפּפער, ש. יאַנאָווסקי, מ. לאַפּין, דר. מעריסאָן, י. ענטין, ש. עפּשטיין, א. פרומקין, מ. קאַטץ, ס. שאַפּירא און אנדערע.

YIDDISH LITERARY PUB. CO.

256 E. Broadway, New York

דער פאָלשטענדיגער קאַטאַלאָג ווערט געשיקט פריי.

אויסצוג אויס דעם קאַטאַלאָג פון ליטעראַרישען פערלאַג, ניו־יאָרק.

פאָעזי, ראָמאַנען און ערצעהלונגען:

יעקב גאָרדין. — סקיצען און ערצעהלונגען (פון דעם פּערפאַסער אליין, אויסגעקליבענע בעסטע ערצעהלונגען)
געבונדען .... .75

מאַקסים גאָרקי. — ערצעהלונגען, איבערזעצט פון ת. אַלעקסאַנדראָוו, 100 זייטען, בראָשירט.... .15

מאַקסים גאָרקי. — אינטערוויום, בראָשירט...... .15

וו. געטהע. — ווערטהער׳ס ליידען, דאָס קלאַסישע מייסטער ווערק פון דייטשלאַנדס גרעסטען דיכטער, איבערזעצט און איינגעלייטעט פון ש. יודסאָן, 190 זייטען, שעהן ארויסגעגעבען מיט אַ פּראַכטפאָלען בילד פון געטהע, געבונדען.... .50
בראָשירט .... .35

פעליקס האָלענדער. — די זוכער פון אמת, אַ סאָציאַלער ראָמאַן, אין 4 ביכער, איבערזעצט פון ש. יאַנאָווסקי, 587 זייטען, שעהן געבונדען.......... .75

מ. ווינטשעווסקי. — ליעדער און געדיכטע, אַ פּראַכט אויסגאַבע, אַ פאָלשטענדיגע זאַמלונג פון דעם „זיידען׳ס" בעריהמטע ארבייטער און קאַמפף־ליעדער, 320 ז. $1.00

דר. ה. זאָלאָטאַראָוו (ה. ארדיטשעוו). — אין שטראָם פון לעבען, ערצעהלונגען פון דעם אידישען לעבען אין אמעריקא, 227 זייטען, שעהן בראָשירט.............. .35
געבונדען .... .60

ל. טאָלסטאָי. — תחית המתים („וואָסקרעסעניע"), ראָמאַן אין 2 בענדער, ארום 600 זייטען, (איינס פון דעם גרויסען דיכטער׳ס געניאַלסטע ווערק), געבונדען............ $1.50

ל. טאָלסטאָי. — קאָזאַקען, דיזע מייסטערהאפטע ערצעהלונג איז איבערזעצט פון בעל מחשבות, 300 זייטען,
בראָשירט .... .50
געבונדען .... .75

יהואש. — געזאַמעלטע ליעדער, דעם דיכטער׳ס בעסטע ליעדער, איינגעטהיילט אין 8 אבטהיילונגען, ארום 400 זייטען, געבונדען........................ $1.00

י. ל. כהן. — יודישע פאָלקס־ליעדער, אַ זעלטען רייכע זאַמלונג פון נישט געקינצעלטע ליעדער, בעשאפען פון דעם פאָלק גופא, יעדעם ליעד בעגלייטעט מיט נאָטען. אַ ציערונג פאַר יעדעם אידישע הויז. 600 זייטען, 2 גרויסע בענדער, געבונדען........................... $3.00

דער פאָלשטענדיגער קאַטאַלאָג ווערט געשיקט פריי.

אויסצוג אוים דעם קאַטאַלאָג פון ליטעראַרישען פערלאַג, ניו־יאָרק.

ז. ליבין. — געקליבענע סקיצען, (זיינע בעסטע סקיצען, רייך אין הומאָר, און עכטער סימפּאַטי צו די גהעטאָ העלדען, 300 זייטען, געבונדען........ 75.

ד. פינסקי. — ערצעהלונגען (פאָלשטענדיגע זאמלונג פון זיינע בעסטע בעלעטריסטישע ווערק) 2 פּראַכט־בענדער, 500 זייטען, שעהן געבונדען........ $1.50

ד. פינסקי. — זרבבל, היסטאָרישע ערצעהלונג........ 05.

י. ל. פּרץ. — נייע מעשות........ 05.

" " דער דין תורה מיט'ן ווינד, אַ מעשה'לע פאַר קינדער, בראָשירט........ 05.

מ. קאַפּלאַן. — גהעטאָ קלאַנגען (געדיכטע) פּיין בר. 25.

מרים קאַרפּילאָוו. — יהודית, אַ געשיכטע פון ליעבע און ליידען, איבערגעגעבען אין די בריעף פון יהודית ליליען צו איהר געליעבטען, שעהן בראָשירט........ 30.

מאָרים ראָזענפעלד. — פּאָעטישע שריפטען, 1טער סעט, 980 זייטען, 3 בענדער........ $3.00.

מאָרים ראָזענפעלד. — נייע שריפטען, 2טער סעט, 1061 זייטען, 3 בענדער........ $3.75

דיזע 6 בענדער ענטהאלטען א פאָלשטענדיגע זאמלונג פון מ. ראָזענפעלד'ס בעסטע שעפּפונגען, די פרוכט פון זיין יונגער שטאַרקער פעדער, און שטעלען מיט זיך פאַר די גלאַנץ־פּעריאָדע פון זיין טהעטיגקייט.

אליוו שריינער. — „טרוימען", אַ סעריע בילדער און פאַנטאַזיען פול מיט רייכע געדאַנקען, 122 זייטען, בראָשירט. 25.

דראַמא און קריטיק:

ל. אַנדרעיעוו. — דריי דראַמען: „דאָס לעבען פון מענשען", „קעניג הונגער", „די טעג פון אונזער לעבען", געבונדען אין איין באַנד........ 75.

דיזעלבע דריי דראַמען, בראָשירט, יעדע איינצעלנע צו.... 20.

ה. איבסען. — געזאַמעלטע דראַמען, 4 בענדער: 1) נאָראַ און די ווילדע ענטע; 2) העדדא גאַבלער און דער בוימייסטער; 3) ראָזמערסהאָלם און די פרוי פון ים; 4) דער קליינער עאָלף, יאָהאַן גאבריעל באָרקמאַן און ווען מיר טויטע ערוואַכען. די איבערזעצונגען פון די אלע דראַמען זיינען אַזוי געטריי ווי מעגליך, לויט דער דייטשער אויטאָריזירטער אויסגאַבע (בראַנדעס עדישאָן) און אַרטשער'ס ענגלישער עדישאָן. די 4 בענדער זיינען שעהן געדרוקט אין א גרויסען פאָרמאַט און איינאַרטיג געבונדען, פּרייז פער באַנד........ 75.

דער פאָלשטענדיגער קאַטאַלאָג ווערט געשיקט פריי.

אויסצוג אוים דעם קאַטאַלאָג פון ליטעראַרישען פערלאַג, ניו־יאָרק.

ה. איבסען. — בראָשירט קען מען קריגען פאָלגענדע דראַמען: די גייסטער, נאָראַ, די ווילדע ענטע, העדדא גאַבלער, דער בוימייסטער, ראָזמערסהאָלם, די פרוי פון ים, דער קליינער עיאָלף, יאָהאַן גאַבריעל באָרקמאַן אין ווען מיר טויטע ערוואַכען. יעדע איינצעלע 20.

אין פאָרבערייטונג: יוגענדבונד, שטיצען פון דער געזעלשאַפט, פאָלקספיינד, וועלכע וועלען צוזאַמען מיט דער דראַמא גייסטער ארויין אין 5טען און 6טען באַנד.

ביערנסטערנע־ביערנסאָן. — „איבער אונזער קראַפט", אַ דראַמאַ אין צוויי טיילען, מיט אַן אַבשאַצונג פון פּערפאַסער און זיין ווערק, פון דר. ה. זאָלאָטאַראָוו, 209 זייטען, געבונדען .... .65

דאַס זעלבע בראָשירט .... .40

י. גאָרדין. — אלישע בן אבויה, היסטאָרישע דראַמא אין 4 אַקטען, בראָשירט .... .20

" דער אונבעקאַנטער, דראַמא אין 4 אקטען, מיט אַ פּראָלאָג, בראָשירט .... .20

" די אמת'ע קראַפט, דראַמא אין 4 אַקטען, בראָשירט .... .20

" גאָט מענש און טייפעל, דראַמא אין 4 אַקטען, מיט אַ פּראָלאָג, בראָשירט .... .25

" דער מטורף, דראַמא אין 4 אַקטען, בראָשירט . .20

" סאַפפהאָ, דראַמא אין 4 אַקטען, בראָשירט ... .25

" די קרייצער סאָנאַטא, דראַמא אין 4 אַקטען, בראָשירט .... .25

מאָררים ווינטשעווסקי. — „אַ טאָג מיט יעקב גאָרדין", בראָשירט .... .25

איוואַן טורגעניעוו. — „האַמלעט און דאָן קיכאָט", אַ קריטישע שטודיע איבער די צוויי בעריהמטעסטע כאַראַקטערען פון דער וועלט־ליטעראַטור. איבערזעצט און איינגעלייטעט פון מ. קאַטץ, בראָשירט .... .12

אַנטאָן טשעכאָוו. — געזאַמעלטע דראַמען: „אָנקעל וואַניאַ", סצענעס פון דאָרפישען לעבען אין 4 אַקטען; „דער וואַסער־פויגעל", אַ קאָמעדיע אין 4 אַקטען; „דער קאַרשען גאָרטען", אַ דראַמאַ אין 4 אַקטען. שעהן געבונדען אין 1 באַנד .75

דיזעלבע דריי איינצעלנע בראָשירט צו.............. .20

דער פאָלשטענדיגער קאַטאַלאָג ווערט געשיקט פריי.